# דער
# פרשה קוואל

צוזאמען גענומען
פון די שמועסן פון

מורינו הגה"צ
**רבי אברהם אלימלך בידרמן** שליט"א

**וישב - חנוכה**

מכון באר האמונה

בס"ד

# דער פרשה קוואל

פאר קאמענטארן און הערות:
mail@derparshakval.com
718.484.8136

פאר גרעסערע באשטעלונגען (USA):
Wholesale@BeerEmunah.com

באקומט די גליונות וועכנטליך אין אייער אימעיל בחינם

## זיך איינצושרייבן

לשה"ק
**באר הפרשה**
subscribe+subscribe@beerhaparsha.com

אידיש
**דער פרשה קוואל**
yiddish+subscribe@derparshakval.com

אנגליש
**Torah Wellsprings**
Torah+subscribe@torahwellsprings.com

היספאניש
**Manantiales de la Torá**
info+subscribe@manantialesdelatora.com

פראנצויזיש
**Au Puits de La Paracha**
info+subscribe@aupuitsdelaparacha.com

איטאליעניש
**Le Sorgenti della Torah**
info+subscribe@lesorgentidellatorah.com

רוסיש
**Колодец Торы**
info+subscribe@kolodetztory.com

**ארה"ב:** Mechon Beer Emunah
1660 45th St, Brooklyn NY 11204
718.484.8136

**בארה"ק:**
מכון באר האמונה
רח' דובב מישרים 4/2
עיה"ק ירושלים תובב"א
025 688 040

**יו"ל ע"י מכון באר אמונה**
2022 © כל הזכויות שמורות להמכון

עס איז נישט ערלויבט איבערצודריקן אויף קיין שום צורה ואופן, אויף צו פארקויפן אדער פארשפרייטן פאר אייגינע אינטערעסן אן שריפטליכע ערלויבעניש פון די מכון

# אינהאלט

## וישב - חנוכה


שתכלה רגל מן השוק - אַ מענטש וואָס גלייבט, לויפט נישט נאָך די פרנסה..............................ב
הרגיל בנר - חנוכה לערנט אונז, אַז אויך 'טבע' ווערט געפירט פון הימל..............................ד
אין לנו רשות - אויך דער פחות שבפחותים האָט אַ 'חלק באלוקי ישראל' ..............................ז
ועל המלחמות - דאַנקען און לויבן פאַר די צרות וואָס ברענגען די טובה..............................ח
מלבין פני חבירו - די האַרבקייט פון פאַרשעמען אַ צווייטן ..............................ט
נר חנוכה למעלה משלשה טפחים - זיך נישט מיט פאַרלייגטע הענט..............................יא
למקום אש להבת שלהבת - זיך ארומנעמען מיט אַ אש קודש ביים צינדן די לעכט ..............................יג
שעשה ניסים בימים ההם בזמן הזה - 8 טעג פון ניסים ונפלאות..............................כג
מעוז צור ישועתי - די גרויסע ישועות, ספעציעל אין די צייט פון לעכט-צינדן..............................כט
קבעום בהלל והודאה - חנוכה איז באַשטומט צו לויבן און דאַנקען דעם אויבערשטן..............................לז
מאי חנוכה דתנו רבנן - אויסנוצן די צייט וועלכע זענען מסוגל פאַר לימוד התורה ..............................לט



סדר ועימוד:

**א.י.ש. אשדוד**

shwrtz@bezeqint.net

# וישב - חנוכה

**שתכלה רגל מן השוק - אַ מענטש וואָס גלייבט, לויפט נישט נאָך די פרנסה**

**'וימצאו** איש והנה תועה בשדה' (לז, טו). זאָגט דער רמב"ן ז"ל, דער פסוק קומט אונז לערנען, אַז וואָס דער אויבערשטער באַפעלט, באַשטומט אדער איז גוזר אויפ'ן מענטש, ווערט מקוים, עצת ה' היא תקום, און צו טוהן איבעריגע השתדלות, איז שקר. אַ ראיה האסטו, ווייל יוסף האָט אָנגעהויבן צו זיכן זיינע ברודער און פלוצלינג, 'וימצאו איש', דער אויבערשטער האָט איהם אונטערגעשיקט אַ וועגווייזער אָן זיין וויסן, כדי ער זאָל אָנקומען צו זיינע ברודער.

**וועגן** דעם זאָגט דער מדרש (ב"ר פ' פד, יד), אַז די אלע 'מענטשן' וואָס ווערן דאָ דערמאָנט אין פסוק, 'וימצאו איש', 'וישאלהו האיש', 'ויאמר האיש', זענען געווען מלאכים. ווייל נישט אומזיסט האָט פאַסירט די גאַנצע מעשה, נאָר אונז צו לאָזן וויסן אַז 'עצת ה' היא תקום'[א], עכ"ל.

**אין** אנדערע ווערטער, עס וועט נישט העלפן פאַר'ן מענטש יעדע השתדלות און התחכמות צו ענדערן די גזירה וואָס איז נגזר געוואָרן אויף איהם פון הימל, ספּעציעל ביי דעם ענין פון פרנסה, ווי מיר זאָגן 'כי הוא א-ל זן ומפרנס לכל... ומכין מזון לכל בריותיו אשר ברא'. דער אויבערשטער שפּייזט אַלע זיינע באַשעפענישן, 'מקרני ראמים עד ביצי כינים', און די ברכה און שפע ווענדעט זיך אינגאַנצן נישט אין די פעולות פון די מענטשן. ממילא, פאַרוואָס זאָל ער זיך אומזיסט פלאָגן? דער ריבוי פון השתדלות וועט סיי ווי נישט פאַרגרעסערן זיין חלק, 'ולא העדיף המרבה, והממעיט לא החסיר'[ב].

**אַזוי** געפינען מיר אויך אין די סוגיא פון חנוכה (שבת כא:) 'נר חנוכה מצוותה משתשקע החמה עד שתכלה רגל מן השוק'. דאַרף מען פאַרשטיין, פאַרוואָס האָבן חז"ל נישט לכתחילה געמאַכט דעם שיעור ביז אַ האַלבע שעה, אַזוי ווי ביי די אַנדערע שיעורים פון

---

**א.** מורא'דיגע ווערטער, שרייבט רבינו אברהם בן הרמב"ם, אין זיין פירוש אויף תורה (פרשתינו לז, יג): אין אָנהייב האָט יעקב אבינו ע"ה אַכטונג געגעבן און געהיטן יוסף'ן, אַז ער זאָל זיך קיינמאָל נישט געפינען אַליין מיט זיינע ברידער די שבטים, ווייבאַלד יעקב האָט געוואוסט אַז זיינע ברידער האָבן איהם פיינט, ומי יודע... פונדעסטוועגן, 'אין עצה ואין תבונה נגד ה''. ווען עס איז געקומען די צייט וואָס מ'האָט באַשטימט פון הימל אַז יוסף זאָל פאַרקויפט ווערן, האָט יעקב אבינו ע"ה איהם אַליין שוין געשיקט אַהין צו די ברידער, ווי ער האָט איהם געזאָגט, 'לך נא ראה את שלום אחיך' וגו'. און פון דעם איז ער אָנגעקומען פאַרקויפט צו ווערן קיין מצרים.

**ב.** און ממילא, זאָל דער מענטש נישט משעבד זיין דעם קאָפּ און דעם מח צו פאַרדינען וואָס מער געלט, נאָר ער זאָל גלייבן אַז אַלעס ווענדעט זיך אין דעם וואָס איז נגזר געוואָרן אויף איהם, ער זאָל זיך אָפּגעבן מיט זיינע געשעפטן, נאָר כדי יוצא צו זיין דעם חיוב פון השתדלות, ווי צדיקים האָבן געזאָגט אויף דעם פסוק (תהלים קכח, א) 'יגיע כפיך כי תאכל'. עס דאַרף זיין יגיע 'כפיך' - נישט יגיע 'ראשך'.

על דרך משל, אַ פעדלער וואָס איז פאַרזינקען מיט אַלע זיינע 'רמ"ח איברים' און 'שס"ה גידים' אין זיין פרנסה, האָט אַ געוויסן טאָג אַרויפגעלייגט אויף זיין קאָפּ אַ גרויסן שטרויענעם הוט, און אַזוי איז ער אַרויס אויף דער גאַס, טראָגנדיג זעק וואָס זענען פול מיט סחורה אויף זיינע אַקסל. גייענדיג, האָט ער אָנגעהויבן טראַכטן, מיינע 'הענט' דאַרף איך האָבן פאַר די פרנסה, צו טראָגן דאָס פעקל מיט די סחורה. דעם 'הוט', דאַרף איך האָבן כדי עס צו טראָגן אויפ'ן קאָפּ, און אויך די פלייצע און אַקסלען דאַרף איך האָבן, זיי זאָלן מיר אַרויסהעלפן ווען איך דאַרף טראָגן פעקלעך. אָבער איך פאַרשטיי נישט, פאַרוואָס דאַרף איך האָבן דעם 'קאָפּ'... וואָס גיט עס מיר צו פאַר מיין פרנסה? (זייענדיג אַזוי שטאַרק אריינגעטוהן אין זיינע באַמיאונגען צו מאַכן געלט, איז איהם אינגאַנצן נישט איינגעפאַלן אַז אַלע איברים פונעם מענטש האָבן אַ תכלית, אויסער דעם תכלית פון פרנסה), און אַזוי האָט ער זיך 'פאַרטיפט' אין זיינע געדאַנקען, ביז ער האָט געפונען אַ טריסט, און מיט דעם אויבערשטען'ס הילף איז זיין 'וואונדער' פאַרענטפערט געוואָרן: דעם קאָפּ, דאַרף ער האָבן כדי צו טראָגן דערויף דעם גרויסן 'שטרויענעם הוט', זיך צו ראַטעווען פון די זון-שטראַלן. אויב ער וואָלט נישט געהאַט אַ קאָפּ, וואָלט ער דאָך נישט געהאַט אויף וואָס צו האַלטן דעם הוט.

חז"ל. מיר געפינען דאָך נישט אין דער גאַנצער תורה אַזאַ סאָרט 'שיעור', מ'זאָל אָנהעגען אַ הלכה אין די פיס פון די אַדורכגייער.

**ענטפערט** הרה"ק רבי משה לייב סאַסוב'ער זי"ע ('משנת הרמ"ל', סו"פ וישב), אַז דאָס איז אַ רמז אויף די מענטשן וואָס גייען אויף די גאַסן זוכן פרנסה. זאָגט זיי דער תנא, וויסן זאָלט איר, אמת טאַקע, אַז מ'האָט אייך באַפוילן צו טוהן 'השתדלות', אָבער פונדעסטוועגן, דאַרפט איר זיך אַראָפּלערנען פון די נסים, וואָס האָבן פּאַסירט אין די יעצטיגע טעג, ווען אַ קליין קריגעלע אויל, וואָס האָט געהאַט גענוג אויל נאָר צו לייכטן איין טאָג, האָט פּאַסירט דערמיט אַ נס און עס האָט געברענט אַכט טעג. זעהט מען דאָך אַז אַלעס ווענדט זיך אין דעם רצון פון באַשעפער.

ווען דער אויבערשטער וויל, קען ער אַריינשיקן די ברכה אויך אין אַ קליינינקייט.

**ממילא**, דאַרף מען פאַרשטיין, אַז נישט יעדער מענטש וואָס האַנדלט אַסאַך ווערט רייך. איז די עצה דערפאַר, 'תכלה רגל מן השוק'[ג]. מ'זאָל אויפהערן אַרומלויפן מיט די 'פיס' טאָג און נאַכט אויף די גאַסן, כדי צו טרעפן פרנסה, ווייל אַלעס איז פון דעם אויבערשטען, 'אחד המרבה, ואחד הממעיט'. מיט אט די ידיעה, קען זיין 'תכלה רגל' (דאָס הייסט, די איבעריגע השתדלות), 'מן השוק'.

**דאָס** אַלעס איז געזאָגט געוואָרן, סיי לגבי די פרנסה פון א מענטש, און סיי לגבי יעדן אַנדערן ענין. אַלעס איז מיט אַ חשבון פון הימל. דער מענטש וועט נישט פאַרדינען אָדער שאָדן האָבן אַפילו אַ כהוא זה

---

אין דעם דאַרף דער מענטש זיך גוט מתבונן זיין, אויב ער איז אַנדערש ווי דער 'תם' און דער 'שאינו יודע לשאול', ווייל דער מענטש וואָס פלאָגט זיך מיט'ן קאָפּ פאַר זיין פרנסה, און ער פאַרשטייט נישט אַז דעם קאָפּ האָט מען איהם געגעבן פון הימל, כדי צו לערנען דערמיט און דינען דעם אויבערשטען מיט זיין קאָפּ, איז ער דאָך ממש אַזוי ווי דער 'פעדלער' אין דעם אויבן-דערמאנטן משל.

לויט דעם, פאַרענטפערן די ספרים, דעם פתרון פון די חלומות וואָס יוסף הצדיק האָט באַשיידט פאַר דעם שר המשקים און דעם שר האופים. דער פתרון פאַר דעם חלום פונעם שר המשקים איז געווען, אַז פרעה וועט איהם צוריק אויפהייבן אין ראַנג, צו זיין פריערדיגע גרויסקייט. אָבער פאַר דעם שר האופים, איז דער באַשייד פונעם חלום וואָס יוסף האָט איהם געגעבן, געווען, אַז פרעה וועט באַפעלן איהם אויפצוהענגען אויפ'ן בוים.

פון וואו האָט יוסף דאָס אַלעס געוואוסט? איז דער תירוץ, אַז ווען יוסף האָט געהערט אַז דער שר המשקים זאָגט (פרשתינו מ, א) 'וכוס פרעה בידי וגו' ואקח את הענבים ואשחט אותם אל כוס פרעה, ואתן את הכוס על כף פרעה'. דאָס הייסט, ער איז מייחס אַלע זיינע פעולות צו זיינע 'הענט', איז דאָך זיין 'פתרון' אַז ער זאָל ווערן גרויס, ווייל דאָס איז דער שכר פון דעם מענטש וואָס אַרבעט אויף זיינע געשעפטן נאָר מיט זיינע 'הענט', און זיין קאָפּ איז איבערגעגעבן צום באַשעפער. אָבער דער שר האופים, וועלכער האָט געזאָגט (פסוק טז) 'והנה שלשה סלי חורי על ראשי' -ער האָט געדאַרפט האָבן דעם 'קאָפּ', אַרויפצולייגן דערויף דעם 'געלעכערטן' הוט, אַזוי ווי דער פעדלער אין דעם דערמאנטן משל-. ער האָט צוגעשריבן זיין גאַנצע פרנסה, צו זיין אייגענעם קאָפּ און מח, איז זיין 'פתרון' געווען, אַז ביז דריי טעג וועט ער אויפגעהאָנגען ווערן אויף אַ בוים.

**ג.** דאָס איז אויך מרומז אין דעם מנהג פון ישראל קדושים, צו שפילן 'דריידל' אין חנוכה. ס'איז אַ רמז, אַז קיין שום זאַך ווערט נישט געטוהן אויף דער וועלט אָן דעם וואָס מ'זאָל עס פריער אויסרופן. פונקט אַזוי ווי אַ מענטש קען נישט באַשליסן אויב דער 'דריידל' זאָל פאַלן אויף די זייט פונעם אות ה"א, אָדער אויף דער זייט פון דעם אות שי"ן א.א.וו.. און אפילו אויב ער וועט דרייען מיט'ן 'דריידל' מיט אַלע כוחות, און מיט אַלע 'נערוון', וועט עס איהם נישט העלפן. ער וועט 'פאַרדינען' נאָר איין זאַך: אַז דער 'דריידל' וועט זיך נאָך דאַרפן דרייען אַסאַך, כדי אָנצוקומען צום אָרט וואָס איז פאַר איהם באַשטימט געוואָרן.

און כאָטש אַ איד איז מחויב צו טוהן השתדלות, 'וברכתיך בכל אשר תעשה', וואָס אויך דאָס איז מרומז אינעם 'דריידל', אַז אויב מ'דרייט איהם נישט, וועט ער בלייבן ווי אַ 'דומם', ווי אַ שטיין וואָס באַוועגט זיך נישט... אָבער אויך מיט 'דרייען' צופיל, מער ווי מ'דאַרף דרייען, וועט מען גאָרנישט פאַרדינען. דער מענטש דאַרף נאָר טוהן זיין פליכט, נישט מער פון דעם...

מער ווי ס'איז באַשטימט געוואָרן פאַר איהם פון הימל, מיט אַ גענויען חשבון[ד], ווי גדולי ישראל (דער 'אַלטער' פון קעלם, ועוד), האָבן געטייטשט די ווערטער פון רש"י ז"ל אין דער היינטיגער סדרה (לז, כה) אויפ'ן פסוק 'וישאו עיניהם ויראו והנה אורחת ישמעאלים באה מגלעד, וגמליהם נושאים נכאת וצרי ולאט'. זאָגט רש"י, פאַרוואָס האָט דער פסוק געדאַרפט אַרויסשרייבן וואָס די ישמעאלים האָבן געטראָגן מיט זיך. זאָגט רש"י, כדי צו דיך לאָזן וויסן דעם שכר פון די צדיקים, ווייל די אַראַבער פירן זיך צו טראָגן נאָר אויל וואָס האָט אַ שלעכטן ריח. דאָ האָבן אָבער די ישמעאלים געפירט בשמים, כדי יוסף הצדיק זאָל נישט דאַרפן ליידן פון דעם שלעכטן ריח.

**דאַרף** מען פאַרשטיין, אין אַזאַ נידעריגן מצב ווי יוסף האָט זיך דעמאָלס געפונען, זיינע ברידער האָבן איהם געהאַלטן ביים פאַרקויפן און איהם דערוויטערן פון זיין טאַטנ'ס הויז אויף אייביג, נישט וויסנדיג וואָס עס וועט זיין דער סוף ברוחניות ובגשמיות, איז דען דאָ דעמאָלס אַ 'נפקא מינה' וואָס פאַר אַ ריח עס געפינט זיך אַרום יוסף - אַ גוטער ריח, אָדער פאַרקערט?

**איז** דער תירוץ, אַז דער אויבערשטער ברענגט נישט אויף דעם מענטש אַ צער אַפילו אַ האָר מער ווי ס'איז געוועזן אויף איהם די גזירה, און וויבאַלד ס'איז נישט נגזר געוואָרן אויף יוסף אַז ער זאָל דאַרפן ליידן פון שמעקן אַ שלעכטן ריח פון די בשמים, האָט מען דעריבער געפירט פון הימל אַז די אַראַבער זאָלן פירן מיט זיך בשמים - נכאת וצרי ולאט - אַנדערש ווי זייער מנהג. דער מענטש וואָס לעבט דערמיט, איז זיין לעבן פיל בעסער לטובה ולברכה, ווייל ער ווייסט דאָך אַז דער גאַנצער צער וואָס ער האָט געליטן איז געווען געמאָסטן מיט אַ גענויע מאָס פון הימל. ער וועט קיינמאָל נישט האָבן צער אַפילו אַ 'קליפת השום', מער ווי דאָס וואָס עס קומט איהם פאַר זיין פולשטענדיגע טובה.

**הרגיל בנר - חנוכה לערנט אונז, אַז אויך 'טבע' ווערט געפירט פון הימל**

**דער** מדרש זאָגט (ב"ר פמ"ד, יז) אויף דעם פסוק (בראשית טו, יב) 'והנה אימה חשיכה גדולה' וגו'. דאָס וואָרט 'חשיכה' איז מרמז אויף מלכות יון. דער מהות פון די פינצטערניש איז, אַזוי ווי די צדיקים האָבן געזאָגט ('שפת אמת', וו"א בשם הרה"ק רבי הענוך פון אלכסנדר זי"ע), אויפ'ן פסוק (תהלים סט, ג) 'טבעתי ביון מצולה'. די יוונים האָבן געוואָלט 'איינשלינגען' ח"ו אידישע קינדער אין די 'טבע' ('טבעתי'), זיי זאָלן זיין אינגאַנצן 'פאַרזינקען' אין טבע, זיי זאָלן מיינען אַז זיי זענען חלילה נישט אונטער די השגחה פון דעם אויבערשטען. אַלעס וואָס וועט פאַרקומען מיט זיי, זאָלן זיי באַצייכענען אַלס אַ 'צופאַל' פון טבע, און אַז זיי זאָלן נישט געדענקען אַז אַלעס איז פון דעם אויבערשטען (ענליך זאָגט דער 'דברי חיים', אָנהייב מאמרים לחנוכה, ד"ה 'ונ"ל').

**דער** תכלית פון חנוכה איז, מיר זאָלן וויסן אַז דער אויבערשטער איז דער באַלעבאָס איבער אַלעם אויף דער וועלט. ער איז דער 'אדון הנפלאות', און די גאַנצע טבע איז אונטערטעניג צום אויבערשטען. ביי דעם אויבערשטען, איז 'טבע' גלייך מיט 'למעלה מן הטבע'[ה].

---

**ד.** אויך דאָס איז מרומז אינעם 'דריידל' שפיל. עס דרייט זיך 'אונטן' נאָר דורך דעם דריי פון 'אויבן'. דאָס זעלבע איז מיט די הנהגה פון דער וועלט. אַלעס וואָס דרייט זיך דאָ אונטן, ווערט געדרייט פון דעם באַשעפער אין הימל.

אויך איז עס מרמז, אַז לויט וויפיל דער מענטש 'דרייט זיך אריין' צום אויבערשטען, אַזוי איז ער זוכה זיך 'אַרויסצודרייען' פון זיינע צרות און פראָבלעמען.

**ה.** אַזוי טייטשט דער הייליגער בעל שם טוב זי"ע דעם פסוק (תהלים סט, טו) 'הצילני מטיט ואל אטבעה'. איך זאָל נישט זיין אין די בחינה פון 'טבע', נאָר אדרבה, איך זאָל וויסן, אַז אויך אין די טבע געפינט זיך די השגחה פון דעם אויבערשטען ברוך הוא. אַלעס ווערט געפירט מיט אַ השגחה פרטית פון הימל. 'אין עוד מלבדו'.

אַזוי האָבן צדיקים געטייטשט דעם פסוק (אסתר ג, יב) 'ונחתום בטבעת המלך'. מ'דאַרף וויסן אַז די גאַנצע 'טבע' ווערט געפירט פון דעם אויבערשטען - 'מלכו של עולם'. די דאָזיגע הארה, באַקומט מען דורך 'להדליק נר חנוכה', מ'זאָל פאַרשיינען אונזער לעבן מיט דעם קלאָרן אור פון אמונה ('נטעי אשל', חנוכה, אות לו).

דורשי רשומות זאָגן, אַז אויב מ'שטעלט צו דעם אות צדי"ק צו 'יון', איז עס 'ציון', וואָס איז מרמז אויף דעם צדיק. 'וצדיק באמונתו יחיה'. מיט אמונה, קען מען איבערדרייען קליפת 'יון' צו 'ציון'.

**דער** מהר"ל ז"ל שרייבט (חידושי אגדות, שבת כא: נר מצוה לחנוכה), אַז דער אויבערשטער האָט געמאַכט אַ נס ביי די לעכט פון חנוכה, וואָס עס האָט נישט קיין הסבר על פי טבע, ווי אַזוי האָט אַביסל אויל געקענט ברענען אַכט מאָל מער ווי די טבע דערפון, אין צוגאָב צום נס פון די מלחמה. ביי אַ 'מלחמה', קען דער מענטש נאָך פרובירן צו זאָגן, אַז די חשמונאים האָבן געזיגט מיט זייער אייגענעם כח און שטאַרקייט, אָבער ביי דעם נס וואָס האָט פּאַסירט מיט'ן אויל, קען קיין שום באַשעפעניש עס נישט אויפקלערן מיט'ן טבע פון דער וועלט. בעל כרחך, מוז יעדער איינער מודה זיין אַז ס'איז אַ פולשטענדיגער נס פון הימל. אַזוי וועט יעדער איינער אויף זיין אופן, פאַרשטיין, אַז אַלעס וואָס פּאַסירט מיט איהם איז מיט די השגחה און הנהגה פון דעם אויבערשטען ברוך הוא[ו].

**ענליבע** ווערטער, שרייבט דער 'מטה משה' (ח"ה עניני חנוכה), אַז מ'האָט מתקן געווען צו מאַכן די ברכה 'להדליק נר חנוכה' אַלס זכר צום נס פון דעם אויל, און מ'האָט נישט מתקן געווען צו מאַכן אַ זכר צום נס פון די מלחמה, ווייל ביי די נסים, קענען די מינים און אַפּיקורסים האָבן אַ פתחון פה ח"ו צו זאָגן, אַז עס איז געווען אַ 'צופאַל', און נישט דער אויבערשטער האָט אַלעס געמאַכט ח"ו. עס קען פּאַסירן אַזאַ זאַך, אַז אַסאַך מענטשן זאָלן אַריינפאַלן אין די הענט פון ווייניג מענטשן, 'ורבים ביד מעטים', אָבער אַ נס ווי ביים אויל, אַז עס איז געווען גענוג צו ברענען נאָר אויף איין נאַכט, און עס איז געווען גענוג אויל אויף אַכט נעכט, איז נישט דאָ קיין שום צד צו זאָגן אַז עס איז אַ 'מקרה' ח"ו, נאָר יעדער איינער מוז מודה זיין און זאָגן, 'מאת ה' היתה זאת, היא נפלאת בעינינו'. אַלס אַ זכר צו דעם נס, האָבן חז"ל מתקן געווען מ'זאָל צינדן לעכט, אַלע אַכט נעכט.

**מיט** דעם יסוד, זאָגן די ספרים אַ כוונה אין די ווערטער פון חז"ל (שבת כג:) 'הרגיל בנר הויין ליה בנים תלמידי חכמים'. דער גאון רבי אהרן קאָטלער זצ"ל האָט געזאָגט, אַז די מדה פון בטחון האָט אַ סגולה מ'זאָל מצליח זיין אויך אין לימוד התורה, צוליב צוויי סיבות: א) דער מענטש וואָס פאַרלאָזט זיך אויף דעם אויבערשטען, אַרבעט ווייניגער שעה'ן אויף פרנסה, און ממילא, האָט ער מער צייט צו לערנען תורה. ב) אויב ער האָט בטחון, איז ער דאָך רואיג, און איז קיינמאָל נישט פאַרדאגה'ט איבער זיינע געשעפטן, און זיין מח קען זיך פאַרטיפן אין לערנען, און עס גוט פאַרשטיין און געדענקען.

**לויט** דעם איז פאַרשטענדליך וואָס חז"ל זאָגן, אַז דער מענטש וואָס איז געוואוינט צו צינדן לעכט, האָט קינדער תלמידי חכמים. וויבאַלד דער נס פון דעם אויל ווייזט אונז אַז די גאַנצע הנהגה פון דער וועלט - טבע, און למעלה מן הטבע - איז פון הימל[ז], ממילא, קען דער מענטש פאַרשטיין, אַז אויך אַלעס וואָס רירט אָן זיין פרנסה, טוהען זיינע הענט נישט באַשטימען די

---

**ו.** דאָס איז טאַקע געווען דער עיקר ציל פון די יוונים, וואָס חז"ל דערציילן (ב"ר פ"ב, ד) אַז די יוונים האָבן געזאָגט צו די אידן, 'כתבו לכם על קרן השור שאין לכם חלק באלוקי ישראל'. אַזוי שטייט אויך אין 'מגילת אנטיוכוס', אַז מלכות יון האָט געשיקט טויזנטער סאָלדאַטן מלחמה האַלטן מיט די אידן, און זיי האָבן געשריגן, 'כל מי שמזכיר שם שמים ידקר בחרב' עפ"ל. קעגן זיי, זענען אויפגעשטאַנען מתתיהו כהן גדול און זיינע קינדער די הייליגע חשמונאים, מיט געציילטע יונגע אידן, און האָבן אויסגערופן: 'מי לה' אלינו'. דער אויבערשטער האָט טאַקע געמאַכט רוהען זיין הייליגע שכינה אויף יהודה המכבי, און ער איז אַריינגעשפּרינגען אין די מחנה פונעם שונא, און אומגעברענגט מיט איין שפּרינג, 25 טויזנט סאָלדאַטן (יוסיפון, פרק כ"א). אַזוי האָבן זיי באַוויזן צו באַזיגן 20 טויזנט 'גייסות' פון דער גריכישער אַרמיי.

צו דעם אַלעם האָבן זיי זוכה געווען מיט'ן כח פון זייער אמונה, און דער מענטש וואָס איז דבוק אין דעם אויבערשטען איז אינגאַנצן נישט משועבד צו די טבע פון דער וועלט.

**ז.** דאָס הייסט, זיי האָבן זוכה געווען צו פאַרשטיין אַז אויך די טבע ווערט געפירט פון הימל.

לויט דעם קען מען פאַרשטיין דעם דריטן תירוץ פונעם 'בית יוסף', וואָס ער ענטפערט אויף זיין קשיא פאַרוואָס מ'צינדט חנוכה לעכט אַכט טעג, אויף איין טאָג איז דאָך יאָ געווען גענוג אויל אינעם קריגל, אַזוי אַז עס האָט פּאַסירט אַ נס נאָר זיבן טעג?

רעזולטאַטן דערפון, נאָר עס איז 'כגרזן ביד החוצב' וכו'. אַזוי וועט זיך שטאַרקן אין איהם די מדה פון בטחון אין דעם אויבערשטען, און זיין קאָפּ און זיין האַרץ וועלן זיין אָפּען פאַר לימוד התורה, און ממילא, 'הויין ליה בנים זכרים', ווען די קינדער וועלן זעהן ווי דער טאַטע פירט זיך, וועלן זיי ממילא פאַרשטיין אַז נישט די השתדלות פאַר פרנסה ברענגט די תוצאות, און ממילא, וועלן זיי אויך ווידמען זייערע געדאַנקען צו לימוד התורה, און אַזוי וועלן זיי מצליח זיין אין לערנען און ווערן תלמידי חכמים.

---

ענטפערט דער 'בית יוסף', אַז אין ערשטן טאָג האָבן די חשמונאים געזעהן אַז עס האָט גאָרנישט געפעלט פונעם אויל, און אַזוי יעדן טאָג ביז דעם אַכטן טאָג (ממילא האָט פּאַסירט אַ נס אַלע אַכט טעג).

פרעגן די ספרים, אויב אַזוי, איז דאָך אין אַכטן טאָג נישט געווען אַ נס, ווייל זיי האָבן געהאַט גענוג אויל אויף איין טאָג, און דאָס אויל האָט טאַקע געברענט איין טאָג מיט'ן דרך הטבע.

ענטפערט הרה"ק רבי מנחם'ל אַמשינובער זי"ע (געברענגט אין ספר 'אמרות טהורות', אמשינוב), אַז ריכטיג טאַקע, נאָך זיבן טעג פון דעם נס זענען זיי אָנגעקומען צו די אנערקענונג אַז אויך די טבע איז אַ נס. אויך דאָס וואָס עס האָט געברענט אין אַכטן טאָג, איז אין גדר פון אַ נס, נישט ווייניגער ווי די פריערדיגע זיבן טעג. ממילא, האָבן זיי אויך געמאַכט אַ זכר פאַר דעם נס פון דעם אַכטן טאָג.

זיין זון, הרה"ק רבי שמעון שלום זי"ע פון אַמשינוב, האָט צוגעלייגט צו די ווערטער פון זיין פאָטער, אַז צוליב דעם ווערט דער אַכטער טאָג חנוכה אָנגערופן 'זאת חנוכה', ווייל די דאָזיגע השגה וואָס זיי האָבן משיג געווען אין דעם טאָג, איז דער עיקר תכלית פון חנוכה, צו קומען צו די אנערקענונג אַז די גאַנצע טבע איז נאָר אַ נס פון דעם אויבערשטען, און פון די אָפענע ניסים, זאָלן זיי אנערקענען די באַהאַלטענע נסים, און וועגן דעם ווערט דער טאָג אָנגערופן 'זאת חנוכה'.

די גמרא (תענית כה.) דערציילט, אַז רבי חנינא בן דוסא האָט אַמאָל פרייטאָג נאָכמיטאָג באַמערקט אַז זיין טאָכטער איז צוגעלייגט. אויף זיין פראַגע וואָס עס האָט פּאַסירט, האָט זי געענטפערט, אַז עס האָט זיך איר פאַרטוישט אַ כלי פון עסיג, מיט אַ כלי פון אויל. זי האָט געצונדן מיט'ן עסיג די שבת-לעכט. ממילא איז זי באַזאָרגט אַז די לעכט וועלן זיך פאַרלעשן. האָט איר טאַטע רבי חנינא בן דוסא איר באַרואיגט, 'מיין טאָכטער, וואָס אַרט עס דיר? דער זעלבער באַשעפער וואָס האָט געמאַכט אַז אויל זאָל ברענען, קען באַפעלן אַז עסיג זאָל ברענען...'. עס האָט טאַקע פּאַסירט אַ נס, און די לעכט האָבן געברענט ביז מוצאי שבת. פון דעם האָט רבי חנינא בן דוסא אויך געהאַט פייער אָנצוצינדן אַ לעכט פאַר הבדלה.

פרעגט דער 'בן יהוידע' (תענית שם), פאַרוואָס האָט די טאָכטער פון רבי חנינא בן דוסא געוויינט? זי האָט דאָך געזעהן אַז עס האָט פּאַסירט אַ נס, אַז די לעכט האָבן זיך נישט באַלד אויסגעלאָשן, איז וואָס האָט זי געהאַט צו וויינען און זיין טרויעריג?

ענטפערט דער קלויזענבורגער רב זצ"ל ('שפע חיים', לחנוכה, ח"א, סי' קכט, ז, און זעה אויך אין 'ספר הזכות', פ' בשלח, ד"ה 'הנני ממטיר'), אַז באמת, האָט די טאָכטער פון רבי חנינא בן דוסא באַלד פאַרשטאַנען אַז עס האָט פּאַסירט אַ נס (ווי די גמרא דערציילט דאָרט, אַז די משפחה פון רבי חנינא בן דוסא זענען געווען געוואוינט מיט ניסים), נאָר זי האָט געהאַלטן, אַז וויבאַלד מ'טאָר נישט הנאה האָבן פון מעשה ניסים, וועט זי דאַרפן זיצן אין דער פינצטער כדי נישט צו געניסן פון די לעכט וואָס האָבן געברענט בדרך נס.

און אויף דעם האָט איר טאַטע רבי חנינא בן דוסא איר געענטפערט, אַז דער זעלבער באַשעפער וואָס מאַכט אַז אויל זאָל לייכט קען מאַכן דאָס זעלבע ביי עסיג, און מיט זיין אמונה אין דעם אויבערשטען איז ביי איהם געווען קלאָר, אַז עס איז נישט דאָ קיין חילוק צווישן עסיג און האָניג. אָן דעם באַפעל פון דעם אויבערשטען, וועט נישט ברענען, נישט אויל, און נישט האָניג. און וויבאַלד אַלעס ווענדעט זיך אין דעם באַפעל פון דעם אויבערשטען, זענען דאָך ביידע - עסיג, אַזוי ווי אויל -אין גדר פון אַ נס. דער מענטש וואָס איז אין אַזאַ הויכע מדריגה פון אמונה, מעג הנאה האָבן פון די לעכט וואָס ברענען פון עסיג, און עס ווערט נישט אַראָפּגערעכנט פון זיינע זכותים, ווייל ביי איהם ווערן דאָך ביידע נישט גערעכנט ווי מעשי נסים. צוליב דעם האָט רבי חנינא איר ערלויבט הנאה צו האָבן פון די לעכט.

**אַזוי** טייטשט אויך דער הייליגער 'קדושת לוי' זי"ע, (קדושה חמישית), די ווערטער פון די גמרא (שבת כא:) אַז די צייט צו צינדן חנוכה-לעכט איז, 'משתשקע החמה עד שתכלה רגל מן השוק'. 'שקיעת החמה' ווייזט אויף אַ צייט ווען עס איז ח"ו 'פינצטער' פאַר דעם מענטש. דער אויבערשטער כביכול פירט זיך מיט איהם מיט מדת הדין חלילה, אַזוי ווי 'שקיעת החמה' פאַרנאַכטס, ווען די זון גייט צוביסלעך אונטער, און עס ווערט טונקל און פינצטער אויף דער וועלט... אין אַזאַ צייט, איז שווער פאַר דעם מענטש צו זעהן דעם אויבערשטען'ס הנהגה און זיינע חסדים.

**איז** די עצה דערצו, מ'זאָל צינדן חנוכה-לעכט, און אַזוי וועט אַריינשיינען אין מענטש די גאַנצע אמונה, און די השגחה פון דעם אויבערשטען אויף דער גאַנצער וועלט, אין יעדער צייט. ער וועט פאַרשטיין אַז ס'איז בכלל נישט דאָ אַ פינצטערניש, נאָר לעכטיגקייט און שמחה, פאַר די פולשטענדיגע טובה פונעם מענטש.

**זאָגט** דער 'קדושת לוי' ווייטער, אַז דאָס איז די כוונה פון די ווערטער, 'עד שתכלה רגל מן השוק'. 'שוק' איז מרמז אויף די חיצונים ('פרי עץ חיים', שער חנוכה, פ"ד). דאָס הייסט, ער זאָל 'פאַרלענדן' און אָפּטוהן די געדאַנקען אַז די וועלט פירט זיך לויט'ן 'הרגל' ('רגל') פון טבע (עיי"ש), וואָס דאָס זענען חיצוניות'דיגע געדאַנקען ('שוק'). עס איז נאָר די עצה פון דעם יצר הרע.

### אין לנו רשות - אויך דער פחות שבפחותים האָט אַ 'חלק באלוקי ישראל'

**וואונדערליבע** ווערטער, שרייבט דער 'תפארת ישראל' זי"ע: דער עיקר עבודה פון אַ איד, איז צו האָבן אמונה און בטחון. דער מענטש דאַרף זיך פאַרלאָזן אויף דעם אויבערשטען, מיט אַ שטאַרקן און פעסטן בטחון, 'יהיה מה שיהיה', און אין וועלכן מצב עס זאָל נאָר זיין. סיי ביי ענינים וואָס זענען נוגע דעם גוף, סיי ביי ענינים פון דעם נפש. סיי בכלל, און סיי בפרט.

**אפילו** אויב אַ מענטש שפירט אַז ער איז ממש 'בדיוטא התחתונה' ח"ו, זאָל ער זיך נישט מייאש זיין, נאָר ער זאָל גלייבן אין דעם אויבערשטען, אַז ער וועט נאָך אָננעמען אויך זיין תשובה און זיין תפילה, 'וגם עליו יזרח עוד אור אלוקים, ומאשפות דלותו ירוממו' וכו'. - אויך אויף איהם, וועט נאָך שיינען דער אור פון דעם אויבערשטען, און ער וועט איהם אויפהייבן פון די אָרימע'סטע מצב.

**שרייבט** דער 'תפארת שמואל', אַז די חנוכה לעכט זענען מרמז אויף דעם. יעדער איד וואָס צינדט חנוכה לעכט, אפילו דער 'פחות שבפחותים', באַקומען זיי אַ קדושה, אויף אַזוי ווייט, אַז 'אין לנו רשות להשתמש בהם, אלא לראותם בלבד'. דורך דעם איז מען זוכה 'להודות ולהלל לשמך הגדול'.

**אין** די צייטן פון די רשעות'דיגע יוונים, כאָטש די אידן זענען דעמאָלס געווען אין גאָר אַ נידעריגע מדריגה, אויף אַזוי ווייט אַז די יוונים האָבן געקענט וואָגן צו זאָגן אַז אידן האָבן נישט אַ 'חלק באלוקי ישראל' ח"ו, האָבן די אידן נישט געקוקט אויף זייערע ווערטער, נאָר זיי האָבן זיך פאַרלאָזט אויף דעם באַשעפער און זיין ישועה. זיי האָבן אויסגעשריגן פון טיפן האַרץ, מי כמכה באלים ה'. בה' תתהלל נפשם, אַז זיי האָבן אַזאַ גרויסן באַשעפער וואָס העלפט זיי און שיצט זיי[ח], און זיי האָבן זוכה געווען אַז דער אויבערשטער האָט זיי געדענקט אויך אין זייער שפלות'דיגן מצב, און זיי זענען געהאָלפן

---

**ח.** דער 'בית אברהם' זאָגט אויף די ווערטער פון מדרש (ויק"ר פט"ו, ט) אַז די יוונים האָבן געזאָגט צו די אידן, 'כתבו לכם על קרן השור שאין לכם חלק באלוקי ישראל'. עס איז ידוע אַז דאָס וואָרט 'עמלק' באַטרעפט 240, אַזוי ווי דאָס וואָרט 'ספק', ווייל עמלק האָט אַריינגעברענגט אין אידישע הערצער אַ 'ספק', צו טראַכטן 'היש ה' בקרבנו אם אין' (שמות יז, ז). די כוונה דערפון איז, כאָטש די אידן האָבן געגלייבט אין מציאות ה', אַז דער באַשעפער פירט אַלע באַשעפענישן, אָבער זיי האָבן געהאַט אַ ספק 'היש ה' בקרבנו', צי איז מעגליך אַז דער אויבערשטער געפינט זיך צווישן אַזעלכע נידעריגע מענטש ווי מיר זענען, און דורך דעם פאַלן זיי אַריין אין יאוש. דער אמת איז אָבער, אַז אַ איד איז מחויב צו גלייבן אַז דער אויבערשטער איז מיט איהם, ווי נידעריג זיין מצב זאָל נאָר נישט זיין.

דאָס האָבן די יוונים געוואָלט, אויסרייסן חלילה דעם יסוד פון אמונה אַז אין 'לכם' חלק באלוקי ישראל. איך בין מסכים אַז איר זאָלט גלייבן אַז די אידן האָבן אַ באַשעפער, אָבער 'לכם' - איר אַליין - האָט נישט קיין חלק

געוואָרן אין אַלע ענינים, סיי ביי ענינים פון הצלת הגוף, אַזוי ווי מיר זאָגן, 'מסרת גבורים ביד חלשים, ורבים ביד מעטים', און אַזוי אויך וואָס ס'איז נוגע פאַר די נשמה. דער אויבערשטער האָט זיי געוויזן אַז ער גליסט צו זעהן זייער עבודה.

### ועל המלחמות - דאַנקען און לויבן פאַר די צרות וואָס ברענגען די טובה

**'יוסף** בן שבע עשרה שנה היה רועה את אחיו בצאן, והוא נער את בני בלהה ואת בני זלפה נשי אביו, ויבא יוסף את דבתם רעה אל אביהם' (לז, ב).

**מורא'דיגע** ווערטער זאָגט דער גאון בעל 'חתם סופר' זי"ע (פרשתינו, ד"ה 'היה'), אַז יעקב אבינו ע"ה האָט געשיקט יוסף ער זאָל זיך באַהעפטן מיט די שבטים, אבער זיי האָבן איהם דערווייטערט פון זיך, און איהם געשיקט צו זיין אַ משרת פאַר די בני השפחות. דאָס גופא, איז געווען וואָס יוסף האָט דערציילט 'דבתם רעה אל אביהם', אַז זיי דערווייטערן איהם אַזוי שטאַרק. ווען די שבטים האָבן געהערט וועגן דעם, האָבן זיי איהם געזאָגט: 'המלוך תמלוך עלינו, אם משול תמשול בנו' (לז, ח). אויב דו ביזט נישט גרייט צו נעמען אויף זיך די בזיונות, וועסטו נישט קענען זיין אַ מלך איבער אונז, ווייל מיר האָבן אַ כלל 'מבית האסורים יצא למלוך'. דאָס הייסט, די מלוכה שפּראָצט אויס פון דעם נידעריגסטן שטאַפּל, ווי דער פסוק זאָגט (תהלים קיג, ז) 'מאשפות ירים אביון'[ט]... וועגן דעם האָבן זיי איהם האָך מער פיינט געהאַט: 'ויוסיפו עוד שנוא אותו על חלומותיו ועל דבריו', ווייל עס איז אַ סתירה איינס מיט'ן אַנדערן. מ'קען נישט ווערן גרויס און זוכה זיין צו מלוכה, אויב מ'טוט זיך נישט קודם האַלטן קליין'.

**אַזוי** זאָגט דער 'חתם סופר' אויך אויף אַן אַנדער אָרט (דרשות חת"ס, סו.) אויף דעם נוסח פון די הודאה

---

אין דעם באַשעפער, ווייל ער איז אַזוי נידעריג. דאָס האָבן די חשמונאים אַריינגעשיינט אין אידישע הערצער, אַז דער אויבערשטער געפינט זיך יאָ צווישן זיי, אין אַלע מצבים.

דאָס איז די כוונה פון די ווערטער וואָס מיר זאָגן אין חנוכה ('ועל הניסים'), 'וקבעו שמונת ימי חנוכה בהלל והודאה', לויט ווי צדיקים האָבן געטייטשט וואָס מיר זאָגן ('וכל מאמינים', אין די ימים נוראים) 'הודאי שמו כן תהלתו'. דורך דעם וואָס דער איד האָט די ריינע און זיכערע אמונה אין דעם אויבערשטען, עפענט ער זיין מויל צו זאָגן הלל והודאה צום באַשעפער.

**ט.** דאָס איז געזאָגט געוואָרן סיי ווען דער מענטש געפינט זיך אין 'מיסט' בגשמיות, אַז פון דאָרט וועט אויפשפּראָצן זיין עלייה, און סיי ווען ער שפּירט אַז ער געפינט זיך אין 'מיסט' ברוחניות, ווייל דער אויבערשטער רוהט דאָך צווישן די מענטשן וואָס האַלטן זיך קליין און זענען צובראָכן ביי זיך.

אַזוי ברענגט דער 'ישמח ישראל' (חנוכה, אות מ) אין נאָמען פון זיין טאַטן, הרה"ק רבי יחיאל פון אלכסנדר זי"ע, אויף די ווערטער פון מדרש (במדב"ר פט"ו, ו, געברענגט אין רש"י פרשת בהעלותך) אַז די פרשה פון די מנורה איז געשטעלט געוואָרן נעבן די פרשה פון די נשיאים, וואָס ווען אהרן האָט געזעהן די חנוכת הנשיאים, האָט ער געהאַט חלישות הדעת, אַז ער איז נישט געווען מיט זיי ביי די חנוכת הנשיאים, נישט ער, און נישט זיין שבט (לוי). האָט דער אויבערשטער איהם געזאָגט, אַז ער וועט זוכה זיין צו אַ גרעסערע מתנה ווי די נשיאים, ווייל ער וועט שטיין און אָנצינדן די לעכט אין די מנורה.

זאָגט הרה"ק רבי יחיאל פון אלכסנדר, אַז אהרן הכהן האָט זיך מתבונן געווען און געטראַכט אַז צוליב איהם האָט שבט לוי נישט געברענגט אַ קרבן, ווי דער מדרש זאָגט, 'והיה אומר, שמא בשבילי אין הקדוש ברוך הוא מקבל שבטו של לוי'. איז ער געוואָרן זייער צובראָכן ביי זיך, און וויבאַלד דער אויבערשטער געזעהן די גרויסע הכנעה און שברון לב פון אהרן הכהן, האָט עס איהם געפעלן אַז אהרן זאָל אָנצינדן דעמאָלס די מנורה, מיט גרויס הכנעה. קומט אויס, אַז אהרן האָט זוכה געווען צו זיין גרויסקייט צו צינדן די מנורה, נאָר אַדאַנק דעם וואָס ער האָט געשפּירט אַז ער געפינט זיך אויף אַ נידעריגע מדריגה...

**י.** דאָס געפינען מיר אויך בענינא דיומא, ביי מצות נר חנוכה, דער 'שמש' שטייט העכער פון די חנוכה לעכט, כאָטש בעצם איז ער אין אַ קלענערע מדריגה פון זיי, ווייל ער איז דאָך נישט אַ חלק פון די מצוה. דעם טעם דערפאַר, שרייבט דער מהרי"ל (הלכות חנוכה ג) אַ סימן, 'לשום שפלים למעלה', ווייל דווקא זיין 'השפלה' איז די סיבה פאַר זיין אויפהייבונג.

אין חנוכה, 'ועל הניסים ועל הגבורות ועל המלחמות'. פאַרוואָס דאַנקט מען דעם אויבערשטען פאַר די מלחמות? ענטפערט דער 'חתם סופר', דער אויבערשטער איז דאָך 'טוב ומטיב לכל', נאָר אַסאַך מאָל איז דער מענטש נישט ראוי צו באַקומען די טובה נאָר אויב ער ליידט פריער יסורים ח"ו, אַזוי ווי ס'איז געווען דער גלות אין מצרים, איידער די אידן האָבן מקבל געווען די תורה און באַקומען ארץ ישראל בירושה. אַזוי אויך די צרה פון יון, איידער די חשמונאים האָבן זוכה געווען צו אַ מלוכה און ממשלה ביים צווייטן בית המקדש. אַזוי אויך איז דער יעצטיגער ביטערער גלות, אַ בחינה פון 'העדר קודם להויה', די צרה וואָס קומט פאַר די גרויסע טובות פון וועלכע אידישע קינדער וועלן געניסן לעתיד לבוא, במהרה בימינו, אמן.

**דער** 'חתם סופר' פירט אויס, מיט עטליכע מורא'דיגע ווערטער: דער אויבערשטער כביכול האָט צער ווען אידישע קינדער זענען אין אַ צרה ח"ו. אבער דאָס איז די שטאַרקייט פון דעם באַשעפער. אַז ער ליידט יעצט כביכול, כדי ס'זאָל זיי שפּעטער זיין גוט, עכ"ל. דאָס הייסט, דער אויבערשטער כביכול איז זיך מצטער כדי צו טוהן גוטס מיט אידן.

**לויט** דעם, קען מען פאַרשטיין אַז אַלע צרות זענען פאַר אונזער טובה. דער אויבערשטער איז גרייט כביכול זיך מצטער צו זיין, צוליב זיין גרויסן רצון משפיע צו זיין אויף אונז די גרויסע טובה. ממילא, דאַרף מען דאַנקען און לויבן פאַר די צרות וואָס ברענגען די טובה, און אויף דעם לויבן מיר פאַר די 'מלחמות', וועלכע האָבן צום סוף געפירט צו ניסים.

###### מלבין פני חבירו - די האַרבקייט פון פאַרשעמען אַ צווייטן

**אין** דער היינטיגער פרשה לערנען מיר (לח, כה) די מעשה פון יהודה, וואָס תמר האָט איהם נישט געוואָלט פאַרשעמען, און די גמרא זאָגט (סוטה י:) רבי יוחנן האָט געזאָגט אין נאָמען פון רבי שמעון בן יוחאי, דער מענטש זאָל זיך ענדערש אַריינוואַרפן אין אַ קאַלך-אויוון, איידער צו פאַרשעמען אַ צווייטן ברבים, און מ'לערנט עס אַרויס פון תמר, וואָס זי האָט נישט דערציילט וועגן יהודה, נאָר זי האָט געזאָגט, אַז אויב ער וועט מודה זיין, וועט זי זאָגן.

**די** גמרא אין ב"מ (נט.) זאָגט, אַז דער מענטש וואָס פאַרשעמט אַ צווייטן, האָט נישט אַ חלק אין עולם הבא. און דער 'פני יהושע' (שם נח:) ברענגט אַ ראיה, אַז די עבירה פון הלבנת פנים איז פיל האַרבער ווי די עבירה פון שפיכות דמים, ווייל די גמרא זאָגט דאָרט, אַז אַלע וואָס דאַרפן אַראָפּנידערן אין גיהנום קומען אַרויס פון דאָרט נאָך 12 חדשים, אויסער דריי מענטשן, און איינער פון זיי איז, דער וואָס פאַרשעמט זיין חבר ברבים[יא], און אַ צווייטער פון זיי איז 'מכנה שם רע לחבירו' - ער רופט דעם חבר מיט אַ מיאוס'ן נאָמען.

**זאָגט** דער 'פני יהושע', אַז פון די ווערטער פון די גמרא, 'כל היורדין', איז משמע, אַז אויך דער

---

דאָס איז אויך מרומז אין די אותיות וואָס זענען אויסגעקריצט אויפ'ן דריידל, נשג"ה - ראשי תיבות נ'נס ג'בוה, ה'ר ש'פל. דער מענטש וואָס האַלט זיך קליין (ננס'), איז באמת 'גבוה', און דער וואָס האַלט זיך גרויס אַזוי ווי אַ באַרג, איז 'שפל'.

אויך זעהט מען פונעם דריידל, דער שפּילער זיגט נאָר נאָך דעם ווי דער דריידל איז אַראָפּגעפאַלן פון זיך אַרומדרייען, ווייל נאָר נאָך די נפילה קומט די הצלחה און דער נצחון.

**יא.** אַמאָל ווען אא"ז הרה"ק רמ"מ מלעלוב זי"ע איז געווען ביים כותל המערבי, איז צוגעקומען נאָנט צו איהם, אַ איד וואָס האָט געהאַלטן ספרים אין האַנט, מיט די כוונה אַז דער לעלוב'ער רבי זאָל איהם געבן אַ 'נדבה' בעין יפה. די משמשים האָבן דאָס באַמערקט, און אָוועקגעשטופּט דעם איד, ער זאָל נישט שטערן דעם רבי'ן אינמיטן זיין הייליגע עבודה.

ווען דער זיידע האָט געענדיגט מתפלל זיין ביים כותל, און אָנגעהויבן אַרויסצוגיין פון דאָרט, איז ער דערציטערט געוואָרן זעהענדיג דעם איד שטיין פונדערווייטנס מיט די ספרים אין האַנט, ווייל ער האָט פאַרשטאַנען אַז דער איד האָט געוואָלט צוקומען נאָנט צו איהם, נאָר מ'האָט איהם נישט צוגעלאָזט. האָט דער רבי אַרויפגעלייגט זיינע הייליגע הענט אויפ'ן שטערן, און אַ דערציטערטער האָט ער זיך צעשריגן: 'זיי זענען מיך אינגאַנצן מבלבל. ווי אַזוי קען מען מאַכן עגמת נפש פאַר אַ איד...'. ער האָט תיכף באַפוילן די משמשים צוצורופן נעענטער דעם איד, און

רוצח וואָס פאַרגיסט בלוט פון אַ צווייטן איז אין כלל פון די וואָס קומען אַרויס פון גיהנום. ממילא, ווי אַזוי זאָגט די גמרא אַז דער וואָס פאַרשעמט ברבים זיין חבר, איז ער ווי אַ שופך דמים? איינער וואָס פאַרשעמט אַן אַנדערן, איז דאָך ערגער ווי דער רוצח? והא ראיה, ווייל ער גייט נישט אַרויס פון גיהנום.

**ענטפערט** דער 'פני יהושע', ס'איז זיכער אמת, אַז דאָס וואָס די גמרא זאָגט אַז ווען איינער פאַרשעמט זיין חבר איז ער ווי ער וואָלט פאַרגאָסן זיין בלוט, מיינט עס נישט צו זאָגן אַז זיי זענען ממש גלייך איינער צום אַנדערן, נאָר אין כלל פון שפיכות דמים איז 'אזיל סומקא ואתא חוורא' - עס גייט אַוועק דער רויטער קאָליר, און זיין פנים ווערט ווייס (וועגן דעם איז ער ווי אַ שופך דמים), אָבער אין הכי נמי, אַז דער וואָס פאַרשעמט אַ צווייטן איז ערגער ווי אַ שופך דמים, ווייבאַלד ער פאַרשעמט איהם פאַר אַסאַך מענטשן[יב].

**פון** דעם לערנען מיר ווי ווייט מ'דאַרף היטן אויף דעם כבוד פון אַ צווייטן מענטש, נישט גורם זיי פאַר איהם אַ צער און פאַרשעמונג ברבים אָדער ביחיד[יג]. אדרבה, מ'זאָל איהם אָפּגעבן כבוד, און שטענדיג זאָרגן פאַר זיין טובה, שטיין צו זיין רעכטע האַנט און פאַרלייכטערן פאַר איהם ווי ווייט מעגליך[יד]. מידה טובה מרובה, ווי גרויס עס איז דער שכר דערפאַר בזה[טו] ובבא[טז].

---

אַלס אַ פּיוס פאַר דעם איד, האָט ער איהם דערלאַנגט אַ שיינעם סכום געלט, און דערנאָך איז ער צוריקגעגאַנגען, זיך וואַשן די הענט, און איז צוגעגאַנגען נאָך אַמאָל צום כותל מתפלל זיין...

**יב.** אויף די ווערטער פון די גמרא אַז דער וואָס פאַרשעמט אַ צווייטן ברבים איז ווי אַ שופך דמים, באַהאַנדלט דער גאון און פוסק רבי שלמה זלמן אויערבאַך זצ"ל, אין ספר 'מנחת שלמה' (ח"א, סוף סי' ז') דעם ענין פון הלבנת פנים, און ער איז דן באריכות פאַרוואָס מ'געפינט נישט אַ היתר מחלל שבת צו זיין, כדי צו ראַטעווען אַ צווייטן פון הלבנת פנים (זעה שו"ע או"ח סי' ש"ז סי"ד). נו, ווי אַזוי קען מען גרינגשעצן אַזאַ האַרבע זאַך?

**יג.** אַמאָל ווען דער בעלזער רב הרה"ק מהר"א זי"ע איז אַריינגעקומען צו חנוכה לעכט, האָט ער אנשטאָט צו צינדן, באַפוילן זיין משמש אַריינצונעמען די מנורה אין צימער. עטליכע מינוט שפּעטער, איז דער בעלזער רב אַרויסגעקומען מיט די מנורה, און געצונדן די לעכט כדרכו בקודש. דער עולם האָט זיך זייער געוואונדערט אויף דעם וואָס דער רב איז פריער אַרויס פון בית המדרש, און צוריקגעקומען מיט די מנורה. טייל האָבן געזאָגט, אַז מסתמא האָט דער רב געהאַט דערביי אַ באַהאַלטענעם הויכן ענין, אָבער נאָך חנוכה לעכט צינדן האָט דער משמש דערציילט, אַז זיין תפקיד איז צוצוגרייטן די לעכט אין די מנורה יעדע נאַכט. יענע נאַכט, האָט ער על פי טעות אַריינגעגאָסן מעד, אנשטאָט אויל... דער רב האָט עס מרגיש געווען, און צוליב דעם האָט ער באַפוילן אַריינצונעמען די מנורה אין הויז, כדי דער עולם זאָל נישט כאַפּן וואָס דער משמש האָט געטוהן, און ער וועט פאַרשעמט ווערן...

**יד.** דער גערער רבי, הרה"ק בעל 'אמרי אמת' זי"ע, האָט געזאָגט, אַז אפילו אויב דער מענטש איז נישט ביכולת צו העלפן אַ צווייטן מיט געלט, און ער קען איהם אויך נישט באַרואיגן מיט ווערטער, זאָל ער איהם כאָטש אויסהערן, ווייל אויך מיט דעם קען ער איהם ראַטעווען, ווען יענער שפירט אַז ס'איז דאָ עמיצער וואָס פאַרשטייט זיין קלעם, אַזוי ווי ס'איז מרומז אין דער היינטיגער סדרה (לז, כא) 'וישמע ראובן, ויצילהו מידם'. אַמאָל קען מען מיט די עצם שמיעה, אויסהערן יענעם, איהם ראַטעווען...

**טו.** אויסער דעם שכר וואָס דער אויבערשטער באַצאָלט דערפאַר, איז דער מענטש אויך זוכה צו כבוד, מענטשן זאָלן איהם מכבד זיין, ווייל לויט ווי אַ מענטש פירט זיך מיט אַנדערע מענטשן, באַקומט ער שכר לטב ולמוטב.

**טז.** די ספרים זאָגן, די גאַנצע הצלה פון יוסף הצדיק פון תפיסה, און דער פאַקט וואָס ער איז דערנאָך געוואָרן דער 'משנה למלך' אין מצרים, איז געווען אַ רעזולטאַט פון דעם וואָס ער האָט געפרעגט דעם שר המשקים און דעם שר האופים, 'מדוע פניכם רעים היום'. ער האָט צוגעלייגט האַרץ צו ערמוטיגן אַ צווייטן. זעהען מיר דעם, אַז מיט אַ גוט וואָרט וואָס מ'זאָגט פאַר אַ צווייטן, קען מען ראַטעווען זיך און אַנדערע, און מ'קען דורך דעם אפילו ווערן אַ 'משנה למלך'...

דאָס לערנען מיר אויך פון דעם וואָס מ'פירט זיך צו לייגן דעם 'שמש' העכער די חנוכה לעכט, ווייל מ'צינדט אָן די לעכט מיט'ן שמש (מהרי"ל). דאָס איז אַ רמז, אַז דער וואָס טוט גוטס מיט אַנדערע, אַזוי ווי דער 'שמש' וואָס ער צינדט אָן אַלע לעכט, איז ער זוכה צו שטיין העכער פון אַלעמען...

**נר חנוכה למעלה משלשה טפחים - זיין נישט מיט פאַרלייגטע הענט**

**מיר** לערנען אין דער היינטיגער סדרה (מ, ט-יט): אַז דער שר המשקים האָט דערציילט וועגן זיין חלום פאַר יוסף, און יוסף האָט עס איהם באַשיידט, אַז ביז דריי טעג וועט פרעה איהם צוריקשטעלן אויף זיין פריערדיגן שטעלע, און פאַר דעם שר האופים האָט יוסף באַשיידט פאַרקערט, אַז פרעה וועט באַפעלן מ'זאָל איהם אויפהענגען אויפ'ן בוים און די פייגל וועלן עסן זיין פלייש.

**פרעגן** די מפרשים, וואָס האָט יוסף געזעהן צו באַשיידן דעם חלום פונעם שר המשקים צום גוטן, און פאַר דעם שר האופים, האָט ער באַשיידט דעם חלום פונקט פאַרקערט. וואָס פאַר אַ רמז און סימן האָט יוסף געזעהן אין זייערע ווערטער, וואָס לויט דעם האָט ער פאַרשטאַנען אויף וועלכן אופן צו באַשיידן זייערע חלומות?

**ענטפערט** דער גאון רבי אלחנן וואַסערמאַן זצ"ל הי"ד, דער שר המשקים האָט געזאָגט (פסוק יא), 'וכוס פרעה בידי, ואקח את הענבים ואשחט אותם אל כוס פרעה, ואתן את הכוס על כף פרעה'. דאָס הייסט, דער שר המשקים האָט געזעהן אין חלום ווי ער טוט פאַרשידענע פעולות. דער מענטש וואָס געפינט זיך אין דעם 'עולם העשיה', איז אַ סימן אַז ער לעבט... אַנדערש איז אָבער געווען ביי דעם שר האופים. ער האָט געזאָגט (פסוקים טז-יז) 'והנה שלשה סלי חורי על ראשי, ובסל העליון מכל מאכל פרעה מעשה אופה, והעוף אוכל אותם מן הסל מעל ראשי' - ער אַליין זיצט מיט 'פאַרלייגטע הענט', ער טוט גאָרנישט, נאָר די קאָרבן ליגן אויף זיין קאָפּ, און די פייגל קומען עסן. אַ מענטש וואָס טוט אַליין גאָרנישט אויף דער וועלט, באַלאַנגט נישט אויף דער וועלט... דעריבער איז דער פתרון פון דעם חלום פון דעם שר האופים געווען, אַז ער געהערט טאַקע נישט צווישן די לעבעדיגע...

**פון** דעם לערנען מיר, אַז דער מענטש איז מחויב צו 'טוהן', און נישט זיצן מיט ליידיגע הענט און וואַרטן אויף אַ נס...

**אַזוי** האָט דער גערער רבי, הרה"ק בעל 'בית ישראל' זי"ע, געזאָגט אויף די ווערטער פון די גמרא (שבת כא:) אַז ווען די חשמונאים האָבן זיך געשטאַרקט און באַוויזן צו באַזיגן די יוונים, 'בדקו' ולא מצאו אלא פך אחד של שמן שהיה מונח בחותמו של כהן גדול. זיי האָבן 'גזוכט', אָבער זיי האָבן נאָר געפונען איין קריגל אויל, וואָס האָט געהאַט אויף זיך דעם זיגל פונעם כהן גדול. זעהען מיר פון דעם אַז דער גאַנצער נס איז געווען וויל זיי האָבן 'גזוכט', אָבער אויב זיי וואָלטן געזעסן און געוואַרט אַז עס זאָל קומען אויל פון הימל, וואָלטן זיי נישט געפונען דאָס קריגל אויל, וויל זיי וואָלטן נישט געווען ראוי צו דעם נס"...

---

דער הייליגן גאון בעל 'חתם סופר' זי"ע זאָגט (פרשתינו, ד"ה 'לך'), אויפ'ן פסוק וואָס יעקב האָט געזאָגט צו יוסף (לז, יד) 'לך נא ראה את שלום אחיך ואת שלום הצאן, והשיבני דבר'. אין די שאָף פון יעקב אבינו ע"ה, האָט געהערשט אַ גרויסע שפע, וויבאַלד די שבטים האָבן געלעבט באחדות איינער מיט'ן אַנדערן (מיט'ן אויסנאַם פון יוסף), און די גמרא זאָגט (ב"מ נט.) אַז שלום ברענגט אויף דער וועלט אַ גרויסע שפע און ברכה. וועגן דעם האָט יעקב געזאָגט צו יוסף, 'לך נא ראה את שלום אחיך', אויב זיי לעבן אַלע בשלום איינער מיט'ן אַנדערן, וויל מ'זעט דאָך 'את שלום הצאן', אַז די שאָף האָבן אַ ברכה. ווען נישט דער פאַקט וואָס די שבטים לעבן באחדות איינער מיט'ן אַנדערן, וואָלט דאָך נישט געהערשט די ברכה אויף די שאָף. ממילא קען ער, יוסף, לערנען דערפון, אויך צו לעבן גוט מיט די אַנדערע שבטים.

**יז.** די הלכה איז, אַז מ'דאַרף לייגן די חנוכה לעכט אויף די לינקע זייט פון די טיר. קען מען זאָגן אַ טעם, לויט ווי די ספרים זאָגן אַז מ'לייגט תפילין אויף די לינקע האַנט, צו דערמאַנען אַז יציאת מצרים איז נישט געווען אַ נס בידי אדם. עס האָט נישט פאַסירט דורך מענטשליכע פעולות, נאָר דער אויבערשטער אַליין האָט באַוויזן די אותות ומופתים. די אידן אַליין זענען געווען אין דער בחינה פון אַ לינקע האַנט - 'יד כהה', וואָס אַליין טוט עס גאָרנישט. 'ימינך ה' נאדרי בכח, ימינך ה' תרעץ אויב'.

צוליב דעם זאָגט די תורה ביי תפילין, 'והיה לאות על ידך ולזכרון בין עיניך', מ'זאָל איינוואָרצלען אין האַרץ די דאָזיגע אמונה אין אַלע דורות, אַז דער מענטש אַליין טוט גאָרנישט. ער איז נאָר 'יד כהה'... אַלעס איז פון הימל. און צוליב דעם האָט מען מתקן געווען אַז מ'זאָל לייגן די חנוכה לעכט אויף די לינקע זייט פון די טיר, כדי מיר

**צדיקים** האָבן געזאָגט ('תפארת שמואל', חנוכה, אות לו) אַ רמז אין דעם וואָס עס ווערט גע'פסק'ענט (או"ח סי' תרעא, ס"ו) אַז די מצוה פון נר חנוכה, איז צו לייגן עס העכער פון דריי טפחים. ריכטיג טאַקע, אַז דער מענטש וואָס איז שוין 'למטה מעשרה' - ער געפינט זיך אויף די נידעריגסטע מדריגה, דאַרף זיך דערהייבן אין די יעצטיגע טעג און אָנקומען צו אַן אָרט וואָס איז העכער פון צען טפחים. אָבער פונדעסטוועגן האָבן חז"ל געזאָגט אַז מ'טאָר נישט צינדן אין די דריי טפחים נעבן דער ערד, צוליב די הלכה פון 'לבוד', וואָס דעמאָלס ווערט עס גערעכנט אַזוי ווי עס וואָלט ממש געלעגן אויף דער ערד.

**דאָס** הייסט, דער מענטש דאַרף אַוודאי טוהן זיין פליכט און עפּענען אַ טירל זיך צו דערהייבן אויף דער וועלט. ווען ער אַליין וועט זיך אויפהייבן צו זיין העכער פון דריי טפחים, וועט ער זוכה זיין אַז דער אויבערשטער זאָל איהם אויפהייבן גאָר הויך. אָבער אויב ער זיצט מיט 'פאַרלייגטע הענט', ער טוט נישט קיין שום פעולה, ער צינדט נישט אָן אין זיך דעם הייליגן פונק[ח], וועלן איהם נישט העלפן די לעכט וואָס ער וועט צינדן, אַזוי ווי איינער וואָס זיינע אויגן זענען פאַרמאַכט[ט]. דאַן העלפט נישט פאַר איהם די לעכטיגקייט פון די זון.

**דער** טשאָרטקובער רבי, הרה"ק רבי ישראל זי"ע, זאָגט ('גנזי ישראל', חנוכה תרפ"ד), אַ רמז אין די ווערטער פון

---

זאָלן געדענקען אַז מיר זענען נאָר אַזוי ווי 'לינקע', ממילא קענען מיר זיך שטאַרקן מיט דעם באַשעפער, ווייל ער איז דער בעל היכולת כולם, 'ואתה מושל בכל, ובידך כח וגבורה'.

וועט אַ מענטש זאָגן, אויב איך בין סיי-ווי אין דער בחינה פון 'לינק', און איך דאַרף ממילא אָנקומען צום חסד פון דעם אויבערשטען, פאַרוואָס פעלט אויס בכלל עפּעס צו 'טוהן'... איז דער תירוץ, אַז פון די חנוכה לעכט אַליין קען מען ברענגען אַ ראיה, אַז מ'קען נישט האָפן אויף אַן אתערותא דלעילא אָן אתערותא דלתתא, ווייל כאָטש חז"ל האָבן מתקן געווען מ'זאָל צינדן חנוכה לעכט אויף די לינקע זייט, אָבער פון דער אַנדערער זייט, האָבן חז"ל געזאָגט אַז עס איז אַ מצוה צו לייגן די לעכט נידעריגער פון צען טפחים. מ'דאַרף זיך אַראָפּבייגן צו די לעכט. מ'דאַרף טוהן אַ 'פעולה', און נישט זיצן מיט ליידיגע הענט...

מיר געפינען ביי ברכת 'מודים', וואו מיר לויבן דעם באַשעפער, 'שאתה הוא ה' אלוקינו, צורינו צור חיינו, על חיינו המסורים בידך ועל נשמותינו הפקודות לך'. און חז"ל האָבן מתקן געווען מ'זאָל זיך בוקן ביים אָנהייב און ביים סוף פון 'מודים', אַלעס מיט דעם ציל אַרויסצונעמען פון אונז דעם געדאַנק, מ'זאָל נישט טראַכטן אַז אויב דער אויבערשטער איז דער וואָס גיט לעבן יעדע מינוט, פאַרוואָס פעלט אויס פאַר'ן מענטש עפּעס אַליין צו טוהן... צוליב דעם דאַרף מען זיך אַראָפּבייגן. מ'דאַרף זיך 'געבן אַ ריר'... מ'זאָל קיינמאָל נישט זיצן מיט 'פאַרלייגטע הענט'.

**יח.** דער ווזשניצער רבי, הרה"ק בעל 'דמשק אליעזר' זי"ע, האָט געזאָגט וועגן דעם מנהג צו שפּילן 'דריידל'.

פאַרוואָס קריצט מען אויס אויפ'ן קליינעם דריידל די ווערטער 'נס גדול היה שם', כדי באַקאַנט צו מאַכן דעם נס. עס וואָלט דאָך געווען פיל בעסער אויפצוהענגען גרויסע פלאַקאַטן און שילדן אויף די גאַסן, מיט גרויסע 'קידוש לבנה' אותיות, וואָס דאַן וואָלט געווען אַ פיל גרעסערער 'פרסומי ניסא'.

האָט דער 'דמשק אליעזר' געענטפערט, אַז פון דעם זענען מיר, אַז עס איז פיל בעסער אַ קליינער 'דריידל' מיט ראשי תיבות, ווען עס 'דרייט זיך' און עס רוהט נישט אויף אַן אָרט... דאָס איז מער ווי די גרויסע פלאַקאַטן וואָס שטייען ווי אַ שטיין, אַ 'דומם', אויף איין אָרט, און טוהען גאָרנישט... די אויפגאַבע פון אַ איד איז צו טוהן ווי ווייט עס דערגרייכן זיינע כוחות, און נישט רוהען, נאָר אַרבעטן ווי ווייט מעגליך. דאַן איז נישט קיין נפק"מ וואָס עס זענען די רעזולטאַטן. ער זאָל נאָר נישט זיצן און גאָרנישט טוהן...

**יט.** צוליב דעם פסק'ענט מען אַז 'הרואה מברך' - דער מענטש וואָס זעהט די חנוכה לעכט, דאַרף מאַכן אַ ברכה. עס איז נישט גענוג אַז די לעכט זאָלן ברענען, ווייל אויב מ'גייט מיט פאַרמאַכטע אויגן, קען מען נישט זעהן די לעכטיגקייט, אַפילו אויב מ'זאָל אָנצינדן נעבן איהם צענדליגער טויזנטער לעכט און פאַקלען. דאָס זעלבע איז ברוחניות. אויב דער מענטש גרייט זיך אויפצוכאַפּן די קדושה, ער עפּענט זיינע אויגן, איז ער זוכה אַז מ'זאָל איהם אַריינשיינען אין דער פינצטערניש, אָפּצושטופּן אַלע זאַכן וואָס שטערן איהם זיך צו דערנענטערן צו דעם אויבערשטען ברוך הוא, אָבער אויב זיינע איברים זענען חלילה נישט ווי געהעריג, וועלן קיין שום גרויסע אורות נישט העלפן.

דער גמרא (שבת כב:) 'היה תפוש נר חנוכה ועומד, לא עשה ולא כלום'. אויב דער מענטש האָט אָנגעכאַפּט די חנוכה מנורה און ער איז געבליבן שטיין אויף זיין אָרט, האָט ער נישט מקיים געווען די מצוה פון הדלקת נרות חנוכה, ווייל דער שטייגער פון אַ איד איז נישט 'אָנצוכאַפּן די לעכט', און שטיין אויף איין אָרט... נאָר מקיים צו זיין דעם פסוק (ישעיה ב, ה) לכו ונלכה באור ה'. דאָס לעבטיגקייט זאָל אַריינשיינען אינעם מענטש, ער זאָל אָנהייבן 'גיין' העכער און העכער אין עבודת ה'[כ].

**למקום אש להבת שלהבת - זיך ארומנעמען מיט אַ אש קודש ביים צינדן די לעכט**

**ביים** אָנהייב פון דער היינטיגער סדרה, לייענען מיר (לז, א) "וישב יעקב" וגו', זאָגט רש"י: "וישב יעקב",

---

**כ.** דאָס איז אויך מרומז אין די מחלוקת פון בית שמאי און בית הלל (שבת כא:) וועגן די חנוכה לעכט, צי מ'זאָגט 'מוסיף והולך', אָדער 'פוחת והולך'.

האָט געזאָגט דערויף הרה"ק בעל 'חידושי הרי"ם' זי"ע, אַז די מחלוקת איז נאָר אויב מ'זאָגט 'מוסיף' והולך, אָדער 'פוחת והולך', אָבער דאָס איז זיכער - לויט אַלע דעות, אַז אַ 'הולך' דאַרף מען זיין... מ'זאָל נישט שטיין אויף איין אָרט און גאָרנישט טוהן.

דער 'שפתי צדיק' (חנוכה, אות ג) ברענגט אין נאָמען פון זיין זיידן, הרה"ק בעל 'חידושי הרי"ם' זי"ע, אַז חסידים האָבן אַמאָל מזכיר געווען פאַר'ן הייליגן רבי'ן פון לובלין זי"ע, וועגן אַ צרה וואָס זיי לניידן פון אַ 'מסור' אין זייער שטאָט. זיי האָבן געשריבן אין קוויטל, אַז זיי קענען שוין פשוט נישט אויסהאַלטן פון דעם 'מסור'. ווען דער רבי פון לובלין האָט געלייענט דאָס קוויטל, האָט ער געזאָגט צו די אידן: 'דער דאָזיגער מענטש שיינט דאָך אין אַלע עולמות עליונים'... האָבן די חסידים זיך שטאַרק געוואונדערט דערויף. ווי אַזוי איז מעגליך אַז אַזאַ נידערטרעכטיגע באַשעפעניש ווי דער מסור, זאָל זיין נשמה גאַר שיינען אין די הויכע הימלען? זיי האָבן אָבער נישט געהאַט די העזה צו פרעגן דעם לובלינער וועגן דעם. אַ קורצע צייט שפּעטער, האָבן זיי ווידעראַמאָל דערמאנט פאַר'ן לובלין וועגן דעם רשע דעם מסור, און דאַן האָט דער רבי זיי געוואונטשן זיי זאָלן פטור ווערן פון איהם.

שפּעטער, ווען מ'האָט ביי אַ געלעגנהייט געפרעגט וועגן דעם, דעם רבי'ן פון לובלין, האָט ער געענטפערט, אַז אין יענע מינוט ווען זיי האָבן איהם דערלאַנגט דאָס קוויטל דאָס ערשטע מאָל, האָט דער מסור פונקט געצונדן חנוכה לעכט, און ממילא, האָט אויף איהם גערוהט דער גרויסער אור פון די מצוה, וואָס האָט אַריינגעשיינט אין זיין נשמה.

פון די מעשה לערנט די וועלט אַרויס די גרויסע סגולה פון חנוכה לעכט, אַז עס שיינט אַריין אויך אין דער נשמה פון אַ רשע, אַ מסור. מ'קען אָבער דערפון אויך לערנען, ווייל מ'זעהט ווי דער רבי פון לובלין האָט שפּעטער באַוויזן צו פועל'ן אַז זיי זאָלן פטור ווערן פון דעם מסור. זעהט מען פון דעם אַז אויך איינער וואָס שיינט ביים צינדן חנוכה לעכט מיט אַ הימלישע לעכטיגקייט, וועט מען אויף איהם נישט דערקענען קיין שום ענדערונג צום גוטן נאָך די הדלקה, אויב ער וועט נישט פועל'ן ביי זיך אַז עס זאָל זיין אַ בר קיימא, דורך דעם וואָס ער וועט פאַרזעצן צו דינען דעם אויבערשטען פון יעצט און ווייטער.

דער באַקאַנטער חסיד רבי יוסף קאַזשליק ז"ל פון ירושלים, האָט אין די יאָרן איידער ער איז אַרויפגעקומען קיין ארץ ישראל, געוואוינט אין דער שטאָט זוועהיל אין רוסלאַנד, וואו ער איז געווען פון די חסידים פון הרה"ק רבי שלמה'קע זוועהילער זי"ע.

יאָרן שפּעטער, ווען ער האָט זיך באַגעגנט מיט רבי שלמה'קע אין ירושלים, האָט ער זיך אויסגערעדט פון האַרצן פאַר'ן רבי'ן, אַז יונגערהייט, זייענדיג אין זוועהיל, האָט ער געשפּירט אַ גרויסע הארה און אין אַ שבת און אין אַ יום טוב, אָבער דאָ, אין ארץ ישראל, שפּירט ער גאָרנישט.

האָט הרה"ק רבי שלמה'קע איהם געענטפערט מיט אַ משל, ס'איז שווער פאַר אַ מענטש צו טראָגן אויף די אַקסל אַ גרויסן עמער פיל מיט וואַסער, און אפילו אויב ער וועט זיך גאָר שטאַרק אָנשטרענגען און ער וועט באַוויזן עס אַריבערצופירן פון איין אָרט צום אַנדערן, וועט זיין גאַנצער קערפּער שוויצן און ער וועט קוים-קוים באַוויזן עס צו טראָגן, און פונדעסטוועגן, אויב ער וועט אַריינגיין דערמיט אין אַ מקוה, וועט עס איהם אָנקומען לייכט. דאָרט, אין וואַסער, וועט ער נישט שפּירן די שווערע לאַסט פונעם וואַסער וואָס ער טראָגט. וואָס איז דער חילוק?

אַ מענטש וואָס האָט פאַרמאָגט פלאַקס, זענען זיינע קעמלען אַריינגעקומען אָנגעלאָדענט מיט פלאַקס. האָט אַ קוילן-גראָבער געפרעגט, איך וואונדער זיך ווי אַזוי וועט אַריינגיין דער גאַנצער פלאַקס. האָט אַ קלוגער מענטש איהם געענטפערט: איין פונק וועט אַרויסגיין פון דיין קוילן-גרוב, און עס וועט פאַרברענען די גאַנצע פלאַקס, וכו'.

**קען** מען זאָגן אַ כוונה אין די ווערטער פון רש"י ז"ל, לויט די ווערטער פון דער גמרא (ב"ב עג:) [ביי די "אגדתות דרבה בר בר חנה", וואָס מיר פאַרשטייען נישט זייער טיפן באַדייט], רבה בר בר חנא האָט געזאָגט, אַמאָל בין איך געגאַנגען מיט אַ שיף, און איך האָב געזעהן אַ פיש וואָס עס האָט זיך אָנגעזאַמלט זאַמד אויפ'ן פיש, און עס איז געוואָרן אַ זומפּ אויפ'ן זאַמד. האָבן מיר געמיינט אַז עס איז אַן אינדזל אויפ'ן ים, און מיר זענען דאָרט אַרויפגעגאַנגען און דאָרט געבאַקן און געקאָכט מאכלים. ווען עס איז געוואָרן הייס פאַר'ן פיש, האָט ער זיך איבערגעדרייט און ווען נישט דאָס וואָס מיר זענען געווען נעבן אַ שיף, וואָלטן מיר דערטרינקען געוואָרן חלילה.

**אין** די דאָזיגע ווערטער פון רבה בר בר חנה, ליגט באַהאַלטן אַ רמז, אָפט מאָל דאַכט זיך פאַר דעם מענטש אַז ער איז אין אַזאַ נידעריגע מדריגה אַז ער "ליגט שוין אין דער ערד" ח"ו און עס "וואַקסט שוין גראָז" אויף איהם... ער האָט פאַרלוירן יעדע צורה פון אַ מענטש. דער אמת איז אָבער, אַז מ'טאָר נישט אַריינפאַלן אין יאוש[כא], נאָר אויב ער וועט זיך נאָר אַביסל "אָנוואַרימען", וועט ער נתעורר ווערן און וועט ווערן אַ נייער מענטש.

**דאָס** איז די כוונה פון רש"י, אַז איין פונק קען אַרויסגיין פון דיין "מפוח" און פאַרברענען די גאַנצע פלאַקס,

---

נאָר דער חילוק איז פשוט - האָט רבי שלמה'קע געזאָגט. - דאָ, גייט דער מענטש אַריין אינעם וואַסער, אָבער דאָרט, טראָגט ער דאָס וואַסער אויף זיינע אַקסל... דאָס זעלבע מיט דיר, ווען דו האָסט געוואוינט אין זוועהיל, אין חוץ לארץ, ביזטו געווען ווי איינער וואָס טראָגט די אורות פון די ימים טובים אויף זיין פלייצע, און איך האָב געשפירט די "משא" וואָס דו טראָגסט, און וועגן דעם, האָסטו געשפירט די קדושה פונעם יום טוב, מה שאין כן אין ארץ ישראל, שפירסטו גאָרנישט, ווייל דו ביזט דאָך ווי איינער וואָס גייט אַריין "אין" דעם יום טוב.

קען מען זאָגן, אַז עפּעס אַ "בבואה דבבואה" (אַ שאָטן פון אַ שאָטן)... איז שייך אויך ביי אונז. אַמאָל ווערט דער מענטש אַרומגענומען מיט התלהבות איידער עס קומט-אָן דער יום טוב חנוכה, אָבער אינמיטן חנוכה זעלבסט, שפירט ער מער נישט די דאָזיגע התרגשות, ווייל ער געפינט זיך שוין אינעם יום טוב, און וועגן דעם "שוויצט" ער נישט אַזוי... און טאַקע וועגן דעם, טאָר מען נישט פאַלן ביי זיך. פון דער צווייטער זייט, דאַרף מען אָבער געדענקען אַז מ'געפינט זיך אין די גרויסע און הייליגע טעג, און מ'זאָל וויסן וואָס מ'האָט פאַר זיך...

על דרך משל, איינער דאַרף אָנקומען אין אַ אָפּיס וואָס געפינט זיך אין אַ הויכער געביידע, אויפ'ן הונדערטסטן שטאָק. גייט ער אַריין אינעם "עלעוועיטאָר", און דרוקט אויפ'ן קנעפּל וואָס ווייזט דעם נומער '100'. מיט איינמאָל, הייבט ער זיך אויף און דער עלעוועיטאָר געפינט זיך ביז עטליכע מינוט ביים הונדערטסטן שטאָק, אָבער דער מענטש, בלייבט שטיין אינעם עלעוועיטאָר ווי אַ 'גולם', און גייט נישט אַרויס אויפ'ן שטאָק, צום אָפּיס... האָט איינער איהם געפרעגט, 'מה לך נרדם?' - פאַרוואָס שלאָפסטו? האָט דער 'חכם' געענטפערט, 'וואָס זאָל איך טוהן, אַז 'איך שפיר נישט' אַז מיינע פיס שטייען אויף אַזאַ הויכן אָרט, ווי דער הונדערטסטער שטאָק...'. האָט מען איהם געזאָגט: 'צי ווענדט עס זיך דען אין דיין געפיל? עס ווענדט זיך נאָר אין דער ווירקליכקייט פון דער זאַך, און וויבאַלד דער אמת איז אַז דו געפינסט זיך אויפ'ן הונדערטסטן שטאָק, ממילא, גיי אַרויס פונעם 'קאַסטן' (דעם 'עלעוועיטאָר') צו דיין ציל...'.

דער נמשל איז פשוט: מיר געפינען זיך אין אַ הייליגן זמן, די לעכטיגע טעג פון יום טוב חנוכה, אָבער ליידער, זענען פאַראַן מענטשן וואָס בלייבן שטיין ווי די 'גולמות' אויף זייער פאַריריגן אָרט, מיט דער טענה, אַז 'זיי שפירן נישט' די קדושה און מעלה פון די חנוכה-טעג... דאַרף מען זיי זאָגן, וואָס פאַר אַן אָרט האָבן אַזעלכע געפילן. מיר געפינען זיך דאָך טאַקע באמת אין דעם יום טוב חנוכה, ממילא גיב זיך אַ 'ריר' פון אָרט וואו דו שטייסט, און הייב אָן דיין עבודת הקודש, וועסטו שטייגן מעלה מעלה...

**כא.** דאָס הייסט, אפילו אויב עס דאַכט זיך פאַר'ן מענטש אַז ער איז פאַרזינקען אין עבירות ח"ו, האָט ער נאָך אַלץ אַ "גוטע נקודה", אַ "פינטל" פון וועלכן ער קען זיך באַנייען און שטאַרקן. ער דאַרף עס נאָר "געפינען", און עס וועט אויפשיינען אַזוי ווי פריער.

ווייל אויך אויב עס איז דאָ "אַ סאַך פלאַקס", דאָס הייסט, "פעקלעך" מיט עבירות רח"ל, וואָס דער שטן וויל איינרעדן דעם מענטש אַז צוליב דעם האָט ער שוין חלילה נישט קיין תיקון, דאַרף ער אָבער נאָר איין "פונק" וואָס זאָל זיך אויפפלאַקערן, און דאָס וועט פאַרברענען די גאַנצע "פלאַקס" - די עבירות, און דער מענטש וועט צוריק ווערן אַזוי ווי אַ נייער מענטש[כב].

**דאָס** איז אַ לימוד נתעורר צו ווערן אין די חנוכה-טעג, וואָס זענען מסוגל "להדליק נר" - אָנצוצינדן אַ

---

די ספרים זאָגן אַ רמז אין די ווערטער פון חז"ל (שבת כא:) ביים נס חנוכה, אַז ווען די יוונים זענען אַריינגעקומען אין היכל, האָבן זיי מטמא געווען אַלע אוילן פונעם היכל, און ווען די חשמונאים האָבן זיי באַזיגט האָט מען געזוכט און געפונען נאָר איין קריגל אויל וואָס איז געלעגן "בחותמו של כהן גדול" - מיט'ן זיגל פונעם כהן גדול. דאָס איז אַ רמז, אַז אפילו אויב אַלע "אוילן" זענען טמא ח"ו, איז נאָך אַלץ פאַרהאַן איין קריגל וואָס איז פאַרזיגלט מיט'ן זיגל פונעם כהן גדול, און פון דעם, איז די גאַנצע עבודה באַנייט געוואָרן...

דער משגיח אין דער מירער ישיבה, הגה"צ רבי ירוחם זצ"ל, האָט אַמאָל געבעטן זיינס אַ תלמיד, ער זאָל איהם ברענגען דעם "מוסר-ספר" וואָס ליגט אויפ'ן פענצטער. איז דער תלמיד צוגעגאַנגען צום פענצטער, כדי צו ברענגען דעם "מוסר-ספר" וואָס דער משגיח האָט געבעטן, אָבער ער האָט נישט געזעהן דאָרט אַ ספר, נאָר אַ מאָראַנץ... איז ער צוריקגעקומען אַ צעטומלטער צום משגיח, און געזאָגט אַז ער האָט נישט געטראָפן דאָרט אַ מוסר-ספר... האָט רבי ירוחם איהם נאָך אַמאָל געשיקט, ער זאָל ברענגען דעם "מוסר-ספר". בלית ברירה, האָט דער תלמיד געברענגט די פרי...

האָט רבי ירחם איהם געפרעגט, אויב דער מאָראַנץ איז פריש און געשמאַק, אָדער עס איז שוין אויסגעטריקנט. האָט דער תלמיד געענטפערט, אַוודאי איז עס אַ פרישע פרי. האָט רבי ירוחם אָנגעהויבן אָפשיילן דעם מאָראַנץ און געזאָגט, די שאָלעכץ איז האַרט און טרוקן, און אונטער איר איז דאָ אַ ווייסער האַנטל וואָס איז האַרט, און אויך אַרום דאָס "פלייש" פונעם מאָראַנץ איז דאָ ווי אַ ווייס "זעקל" (וואָס נעמט אַרום יעדעס שטיקל פונעם מאָראַנץ), און אויך דאָס איז אינגאַנצן טרוקן... אויב אַזוי, פאַרוואָס זאָגסטו אַז דער מאָראַנץ איז "פריש און פייכט"? נאָר וואָס דען, אין די "טיפעניש", און אונטער אַלע טרוקענע שאָלעכצן וואָס טוהען איינהילן דעם מאָראַנץ פון אַלע זייטן, איז באַהאַלטן אַ פרוכט וואָס איז פריש און געשמאַק...

- דער מוסר-השכל פון דעם איז - האָט רבי ירוחם אויסגעפירט צו זיין תלמיד - אַז אפילו ווען עס דאַכט זיך פאַר'ן מענטש אַז ער איז אינגאַנצן "טרוקן", און אַז ער איז אַרומגענומען מיט "שאָלעכץ", איז ער אָבער אין די טיפענישן פון האַרץ, פול מיט לעבן און פייכטקייט, און וועגן דעם הייסט ער אַ "לעבעדיגער" מענטש, און נישט פאַרטריקנט ווי אַ טויטער חלילה.

**כב.** מ'דאַרף געדענקען, אַז דער מענטש וואָס איז מקיים אַ מצוה מיט התלהבות, לאָזט ער איבער אַ רושם נישט נאָר אויף זיך אַליין, נאָר אויך אויף די אַרומיגע, ער איז משפיע וואַרימקייט אויף זיינע בני בית.

דאָס איז טאַקע מרומז אין די ווערטער פון חז"ל (שבת כג:) "הרגיל בנר, הויין ליה בנים תלמידי חכמים", אַז וויבאַלד ער איז געוואוינט מיט אַ "לעכט", דאָס הייסט, ער טוט אַלעס מיט אַ הייליגן "פייער", וואַרימט ער אָן דערמיט אויך זיינע קינדער, אַז אויך זיי זאָלן טוהן אַ מצוה מיט התלהבות און השתוקקות, ביז זיי וועלן צום סוף אויסוואַקסן תלמידי חכמים.

מ'קען עס ערקלערן, מיט אַ מעשה וואָס מ'דערציילט, אַ איד וואָס איז אויפגענומען געוואָרן אַלס רב אין אַ שטעטל, איז געקומען צום ליובאַוויטשער רבי'ן, הרה"ק רבי יוסף יצחק זי"ע, נאָך אַ "הדרכה", ווי אַזוי ער זאָל קענען מדריך זיין די מענטשן פון זיין שטאָט, זיי זאָלן זיך פירן בדרך הישר.

האָט דער ליובאַוויטשער רבי איהם געענטפערט, אַן אָרימאַן איז אַמאָל אַריינגעקומען אין "שוויץ באָרד" פון שטאָט, צוזאַמען מיט'ן גביר פון שטעטל, וועלכער האָט געהייסן ר' משה. און אָט זעהט ער, דער אָרימאַן, ווי דער בעדער שטייט און שלאָגט דעם רייכן ר' משה מיט שטאַרקע "קלעפּ" אויף זיין גאַנצן קערפּער, אויבן, אונטן, רעכטס, לינקס... און אויף יעדן קלאַפּ וואָס דער בעדער האָט געגעבן, האָט דער רייכער ר' משה אויסגעדריקט זיין הנאה מיט "קולי קולות"... "אהא... אהא... אהא...". אַזוי איז דאָס אָנגעגאַנגען אַ לענגערע צייט. דער בעדער קלאַפּט אויף

די ספרים הקדושים זאָגן, אַז דער גאַנצער מהות פון יום טוב חנוכה איז די באַנייאונג פון יעדן לעבטל אין מענטש, אַז ער זאָל זוכה זיין צו "תחיית המתים" - זיין "טויטער" גייסט זאָל "אויפלעבן"[כג].

---

ר' משה'ן מיט אַלע כוחות, און דער גביר "דאַנקט" איהם דערפאַר מיט אויסקרעכצן אין אַ טאָן פון פאַרגעניגן. ווען דער בעדער האָט געענדיגט, האָט דער עושר אַרויסגענומען אַ שיינע סומע געלט, און עס דערלאַנגט פאַר'ן בעדער.

צוזעהענדיג די דאָזיגע סצענע, האָט דער אָרימאַן געמיינט אַז דער גביר ר' משה באַצאָלט אַ טייערן פרייז ווען מ'שלאָגט איהם אויפ'ן קערפער... ער האָט דעריבער נאָכגעפאָלגט ר' משה'ן ביים אַהיים גיין, און ווען ער איז אָנגעקומען אַהיים, שטייענדיג שוין ביים שוועל פון זיין הערליכן פאַלאַץ, האָט דער אָרימאַן זיך גענומען שלאָגן דעם גביר, "ימין ושמאל תפרוצי"... דער עושר אַריין איז געוואָרן בכעס, און איהם אָנגעשריגן, לאָמיך צורוה... האָט דער אָרימאַן גזאָגט, "ניין, ניין...", דו ווערסט צאָלן פאַר די קלעפּ... האָט דער גביר שנעל גערופן זיינע וועכטער, און זיי האָבן פאַרטריבן דעם אָרימאַן מיט קלעפּ און בזיונות פון דאָרט, און עס איז געוואָרן רואיג...

האָט דער אָרימאַן זיך געוואונדערט: מיט וואָס בין איך אַנדערש פונעם בעדער אינעם "שוויץ-באָד"... און ער האָט אויסגעבראָכן אין אַ געוויין אויף זיין ביטערן גורל, אַז מיט איהם, טוט דער גביר נישט דאָס זעלבע ווי מיט'ן בעדער. עטליכע טעג שפּעטער, האָט דער אָרימאַן זיך אָנגעגאַרטלט מיט מוט, און איז צוגעגאַנגען מיט הכנעה צום עושר, און איהם געפרעגט, "ילמדנו רבינו...", וואָס זענען אַנדערש מיינע קלעפּ ווי די קלעפּ וואָס דו האָסט געכאַפּט פונעם בעדער אינעם שוויץ-באָד?... האָט דער עושר, וועלכער האָט איינגעזעהן אַז ער מיינט גוט, און ער האָט נישט געמיינט צו שלאָגן איהם, נאָר צו פאַרדינען אַ פּאָר גרייצער... איהם געענטפערט:

- פאַרוואָס פאַרשטייסטו נישט? אינעם שוויץ-באָד, איז זייער הייס, און דורך די שרעקליכע היץ, דרינגט אַריין יעדער קלאַפּ טיף אין מיין קערפער, און עס טוט אויף אַ גוטע פעולה פאַר'ן געזונט, און פאַר דעם איז טאַקע ווערד כ'זאָל באַצאָלן 'טבין ותקילין', אָבער פאַר סתם קלעפּ וואָס טוהען מיר וויי, פאַרוואָס זאָל איך באַצאָלן... אדרבה, וויי און ביטער וועט זיין פאַר דעם וואָס וועט וואַגן אויפצוהייבן אויף מיר אַ האַנט...

און דער ליובאַוויטשער רבי, הרה"ק רבי יוסף יצחק, האָט אויסגעפירט דעם סיפור צו יענעם רב וואָס האָט איהם געפרעגט וואָס פאַראַ הדרכות ער זאָל לערנען מיט זיינע אידן אין שטאָט:

- אויב איר וועט איבערלאָזן אַרום זיך אַז 'היץ' פון התלהבות פאַר אַ מצוה, אַזוי ווי דער 'שוויץ-באָד' וואָס גיט אַרויס היץ, וועט איר קענען מוסר'ן דעם עולם און זיי מדריך זיין בדרך הטוב והישר, אָבער סתם 'קלעפּ' - דאָס הייסט, צו מוסר'ן דעם עולם סתם אַזוי, אָן פנימיות פון האַרץ, וועט עס נישט אַריינדרינגען אין זיי, און עס וועט נישט אויפטוהן די נויטיגע פעולה לטובה.

**כג.** דער חיד"א ז"ל זאָגט (״פני דוד״, פ׳ וישב), פון וואו האָט יוסף געוואוסט צו אַנטשיידן פאַר דעם "שר האופים" זיין חלום, אַז אין דריי טעג וועט פרעה איהם הרג'ענען? מיט וואָס איז דער "שר האופים" געווען אַ קלענערער בר-מזל ווי דער "שר המשקים", וועלכער האָט יאָ אַרויסבאַקומען פון יוסף'ן אַ גוטן 'פּתרון' פאַר זיין חלום?

ענטפערט דער חיד"א ז"ל, על דרך משל, אַ מאָלער האָט געמאָלן אַ בילד ווי אַ מענטש שטייט מיט אַ קאָרב פרוכט אין זיין האַנט, און מ'האָט אויפגעהאָנגען דאָס בילד אינמיטן שטאָט. זענען געקומען צו פליען פייגלעך און פּרובירט עסן פון די פרוכט, און אַלע אַרומיגע מענטשן אויף דער גאַס, האָבן באַוואונדערט דעם גרויסן כשרון פון דעם מאָלער, אַז ער האָט באַוויזן צו מאָלן אַזוי קינסטלעריש און 'אמת'דיג', ווייל מ'זעהט דאָך אַז די פייגלעך זענען געקומען צו פליען, מיינענדיג אַז דאָס איז אמת'דיגע פרוכט... האָט אַ קלוגער מענטש געזאָגט: אדרבה, פון דעם איז אַ ראיה אַז דאָס בילד איז אינגאַנצן נישט אַ 'לעבעדיג' בילד, נאָר גאָר 'טויט... ווייל אויב דער בילד וואָלט 'געלעבט', וואָלטן די פייגלעך מורא געהאַט פון דעם געמאָלענעם מענטש אויף דעם בילד, און זיי וואָלטן זיך אינגאַנצן נישט דערנענטערט צו די פרוכט... וויבאַלד דאָס בילד איז נישט 'לעבעדיג', זענען זיי צוגעפלויגן נאָנט צום בילד.

זאָגט דער חיד"א, דער נמשל איז, ווען יוסף האָט געהערט דעם חלום פונעם 'שר האופים', אַז די פייגלעך זענען געקומען צו פליען און געגעסן פון די קאָרבן איבער זיין קאָפּ, האָט יוסף פאַרשטאַנען דערפון אַז דער 'שר האופים' איז שוין אַ 'טויטער' מענטש...

לענינינו, דאַרפן מיר זעהן צו טוהן אונזער עבודה מיט חיות דקדושה, און אַזוי וועלן מיר אָפּגעהיטן ווערן פון אַלע 'פייגלעך', וואָס גראָבן אין אונזערע מוחות מיט פאַרשידענע דמיונות...

מענטש אין עבודת ה' מיט אַ וואַרימקייט און התלהבות.

די פוסקים פרעגן, פאַרוואָס האָבן חז"ל באַשטימט די טעג פון חנוכה צו דאַנקען און לויבן דעם אויבערשטען, זאָגן הלל, און נישט צו פּראַווען סעודות, אַזוי ווי פורים, וואָס איז באַשטימט געוואָרן אַלס אַ טאָג פון "משתה ושמחה".

**ענטפערט** דער ב"ח (סוף סימן עת"ר) אַז ביי פורים איז דאָך דער עיקר פון די גזירה געווען צוליב דעם ווייל זיי האָבן הנאה געהאַט מיט זייערע גופים פון די סעודה פון דעם רשע אחשורוש (מגילה יב.), דעריבער, וויבאַלד דער פּגם איז געווען גשמיות, זענען זיי געשטראָפט געוואָרן מיט אַ גזירה פון פאַרלענדן די גופים ח"ו, "להשמיד להרוג ולאבד את כל היהודים" רח"ל, און וועגן דעם האָבן די אידן געפאַסט, כדי צו פייניגן זייערע "קערפּערס", און אַזוי האָבן זיי תשובה געטוהן אויף זייער פּגם, און די גזירה איז בטל געוואָרן.

**דערפאַר** האָט מען אויך דעם יום טוב וואָס מ'האָט באַשטימט לדורות, האָט מען מתקן געווען צו פּראַווען דעם יום טוב מיט עסן און טרינקען און זיך פרייען, כדי צו געדענקען דעם עיקר פונעם נס, אָבער ביי חנוכה איז דאָך די גזירה געווען ווייל עס האָט געהערשט אַ נאָכגעלאָזנקייט אין די עבודה, און וועגן דעם האָבן זיי באַקומען אַן עונש אַז עס איז בטל געוואָרן די עבודה וואָס איז אַ צורך פון די נשמה, ווי חז"ל זאָגן (אוצר המדרשים, אייזנשטיין, ע' 193), אַז די יוונים האָבן אַרויסגעגעבן אַ גזירה בטל צו מאַכן דעם קרבן תמיד, און זיי האָבן מטמא געווען אַלע אוילן און זיי מבטל געווען אַז מ'זאָל נישט קענען צינדן די לעכט פון דער מנורה. וועגן דעם איז זייער תשובה געווען דורך דעם וואָס די חשמונאים האָבן זיך מוסר נפש געווען פאַר די עבודה. אויך האָט דער אויבערשטער זיי געהאָלפן דורך די כהנים וואָס האָבן געטוהן די עבודה אין בית המקדש, און דער נס האָט פּאַסירט ביי די לעכט, און אויך לדורות, האָט מען באַשטימט צו צינדן לעכט, וויבאַלד די חשמונאים האָבן געהאַט מסירות נפש פאַר'ן קיום פון די עבודה, און אַז מ'זאָל דאַנקען און לויבן דעם אויבערשטען, וואָס דאָס איז אַן "עבודה שבלב".

**פרעגט** דער "שם משמואל" (מקץ תר"פ, ד"ה "ועם דרכנו"), מיר געפינען נישט אין קיין שום אָרט אַז די אידן האָבן דעמאָלס פאַרפעלט צו ברענגען אַפילו איין קרבן, און אויב אַזוי, וואָס פאַר אַ התרשלות, נאָכגעלאָזנקייט האָבן זיי געהאַט אין די עבודה?

**ענטפערט** דער "שם משמואל", אַז אוודאי האָבן די אידן מקריב געווען די קרבנות, נאָר זיי האָבן עס געטוהן מיט אַ "קאַלטקייט" און פוילקייט, "כמצוות אנשים מלומדה", אָן אַ התעוררות פון די טיפענישן פון הארץ. דעריבער האָט מען גוזר געווען אויף זיי אַז די עבודה אין בית המקדש זאָל בטל ווערן. ערשט נאָך דעם ווי די חשמונאים האָבן זיך מוסר נפש געווען צו באַנייען די עבודה אין בית המקדש, האָבן זיי דערמיט מתקן געווען דעם עיקר פּגם, מיט דעם וואָס זיי האָבן געוויזן אַז די עבודה איז זייער טייער און חשוב אין זייערע אויגן, אויף אַזוי ווייט אַז זיי זענען גרייט צו האָבן מסירות נפש דערפאַר, און וועגן דעם האָט דער אויבערשטער טאַקע געמאַכט מיט זיי אַ וואונדערליכן נס, און זיי האָבן זוכה געווען צו באַזיגן די יוונים.

לויט דעם, טייטשט דער "שם משמואל" די ווערטער פון דער גמרא (שבת כג:) "הרגיל בנר, הויין ליה בנים תלמידי חכמים". דער מענטש וואָס איז געוואוינט צו צינדן לעכט (פון שבת און פון חנוכה) איז זוכה אַז זיינע קינדער וועלן זיין תלמידי חכמים.

**פרעגט** דער מהרש"א, ביי אַנדערע מצוות, זאָגן די חז"ל "הזהיר" במזוזה, זוכה לדירה נאה, דער מענטש וואָס איז "געהיטן" אין די מצוה פון מזוזה, איז זוכה צו אַ שיינע דירה. "הזהיר" בציצית, זוכה לטלית נאה, דער מענטש וואָס איז "געהיטן" מקיים צו זיין די מצוה פון ציצית, איז זוכה צו אַ שיינעם קלייד. און אַזוי ביי קידוש א.א.וו., אָבער ביי נר, ביים צינדן לעכט, זאָגן חז"ל דאָס לשון "הרגיל" בנר.

**ענטפערט** דער "שם משמואל", אַז דאָס איז אַ רמז, אַז אויך אין די שפּעטערדיגע דורות, איז דער ענין פון נר חנוכה, צו ווערן צוגעצויגן צו דעם אויבערשטען מיט אַן אויפגייענדיגן פלאַקער, מיט אַ נייעם חיות, אָן "פאַרעלטערונג" און אָן "קאַלטקייט",

און אויך די שבת-לעכט לערנען אונז דעם זעלבן לימוד (עיין שם בשם משמואל).

**לויט** דעם קען מען זאָגן, אַז דאָס וואָרט "הרגיל" בנר לערנט אונז, ער איז "געוואוינט" שטענדיג מיט אַ באַנייאונג, און נישט נאָר פון צייט צו צייט. דערפאַר איז ער זוכה צו אַ שכר אַז זיינע קינדער זאָלן זיין תלמידי חכמים, וויבאַלד ער איז שטענדיג "געוואוינט" זיך צו באַנייען, וועלן זיינע קינדער זיין ענליך צו איהם.

**אַזוי** האָבן צדיקים געטייטשט דאָס לשון פון חז"ל (שבת כא:) ביי די חנוכה לעכט, אַז עס איז אַ מצוה צו צינדן חנוכה לעכט פון שקיעת החמה, "עד שתכלה רגל מן השוק" (ביז די צייט ווען מענטשן גייען מער נישט אויף דער גאַס). מ'זאָל בטל מאַכן דעם "רגל" - דאָס "רגילות", די געוואוינהייט, עס זאָל נישט זיין "כמצוות אנשים מלומדה".

**איז דאָך** אַוודאי געוויס, ווען מ'גייט-צו צו די חנוכה לעכט, דאַרף ברענען אַ פייער פון התלהבות און גליסטינג צו טוהן דעם אויבערשטען'ס רצון מיט'ן גאַנצן האַרצן, און מ'זאָל נישט טוהן די מצוה ווי אַ "מעשה קוף" בעלמא, נאָר קודם זאָל מען 'קאָכן' מיט הייליגע געפילן[כד], און זיך מתבונן זיין אין דער גרויסקייט און הייליגקייט פון דער מצוה, "לאן אתה נכנס, למקום אש להבת שלהבת", ווייל נאָר דורך די ריכטיגע הכנה, איז מען זוכה איינצוזאַפּן אין זיך די מורא'דיגע השפעות פון דער מצוה[כה].

**און** אוודאי געוויס, דאַרף דאָס צינדן די חנוכה לעכט אַליין, געטוהן ווערן "ברחילו ורחימו"[כו], מתוך שמחה

---

**כד.** עס איז באַקאַנט וואָס צדיקים האָבן געזאָגט, אַז די הכנה צו אַ מצוה, איז גרעסער ווי די מצוה אַליין, און זיי ברענגען אַ ראיה דערצו פון הדלקת המנורה אין בית המקדש, וואָס די גמרא זאָגט (יומא כד:) און אַזוי פסק'ענט דער רמב"ם (הלכות ביאת המקדש, פ"ט, ה"ז) אַז אַ זר (נישט אַ כהן) מעג אָנצינדן די מנורה, אָבער דאָס צוגרייטן און אויספוצן די לעכט פון די מנורה, דאַרף געטוהן ווערן נאָר דורך אַ כהן.

אא"ז הרה"ק רבי משה מרדכי מלעלוב זצ"ל האָט דערציילט, אַז ווען זיין רבי, הרה"ק רבי אברהם אלימלך זצ"ל הי"ד פון קארלין, האָט צוגעגרייט די קנויטן פאַר די חנוכה-לעכט, האָט זיין פנים 'געפלאַקערט' אַזוי ווי ווען ער איז געשטאַנען ביים הייסן אויוון בשעת מען האָט געבאַקן די מצות אויף פסח.

**כה.** אַזוי זאָגט דער גערער רבי, הרה"ק בעל "אמרי אמת" זצ"ל ("אמרי אמת", פ' תצא תרצ"א, ד"ה "כי יקרא"), אַ טעם פאַרוואָס די מצוה פון שילוח הקן ווערט באַצייכנט אין לשון פון חז"ל (תנחומא, עקב, סי' ב) אַלס אַ "מצוה קלה שבקלות" - איינע פון די גרינגסטע מצוות מקיים צו זיין, ווייל די גמרא זאָגט (חולין קלט.) אַז דער פסוק "כי יקרא" וואָס שטייט ביי שילוח הקן, איז ממעט, "פרט למזומן" - אויב דער נעסט מיט די פייגל איז צוגעגרייט געוואָרן פאַר דעם צוועק, איז נישט דאָ ביי דעם די מצוה פון שילוח הקן. קומט אויס, אַז ביי די מצוה פון שילוח הקן איז נישט שייך דער ענין פון הכנה, דעריבער הייסט עס אַ "מצוה קלה"...

על דרך משל, די וועלט פירט זיך, ווען מ'נעמט אַרויס פלייש פון "פריזער", לאָזט מען עס צוערשט אינדרויסן ביז דאָס אייז ווערט אויפגעלאָזט, און ערשט דערנאָך גרייט מען עס צו אָפּצוקאָכן אָדער אָנוואַרימען. דאָס זעלבע איז ביי די חנוכה לעכט. דער אָנהייב פון די עבודה פאַר'ן צינדן די חנוכה-לעכט איז דאָך "אויפצולאָזן דאָס אייז" וואָס נעמט אונז אַרום, און זיך 'אָפּצושאָקלען' פון יעדער סאָרט 'קאַלטקייט', און ערשט דערנאָך קען מען זיך אָנוואַרימען מיט אַ הייליגן פייער און מקיים זיין די מצוה פון הדלקת הנר.

**כו.** ס'איז כדאַי אַראָפּצוברענגען דאָ אַביסל פון די ווערטער וואָס די ספה"ק שרייבן וועגן קיום הדלקת נר חנוכה, "ותן לחכם ויחכם עוד".

אַ סאַך אידן פירן זיך צו זאָגן "ויהי נועם" איידער מ'איז מקיים אַ מצוה, ווי עס שטייט אין ספה"ק "פלא יועץ" (ערך ויהי נועם) מ'דאַרף זאָגן "ויהי נועם" איידער מ'טוט אַ גוטע זאַך, סיי בדיבור, סיי במעשה. זאָגט דער "פלא יועץ" אַ טעם דערפאַר, ווייל אין יעדן דיבור און אין יעדע מעשה זענען באַהאַלטן העכערע ענינים און סודות. מיר ווייסן אָבער נאָר דאָס פשטות דערפון, און כאָטש די עצם עשייה פון די מצוה טוט-אויף גרויסע זאַכן אין הימל, אָבער עס טוט נאָך פיל מער אויף אויב מ'האָט אין זינען די הייליגע כוונות וואָס זענען דאָ דערין. און אויף דעם זאָגן מיר "ויהי נועם", אַז דער אויבערשטער זאָל העלפן אַז אונזערע מעשים זאָלן אויפטוהן אין הימל גלייך ווי מיר

של מצוה[כז], בהלל והודאה, און מיט אַ תפילה[כח] און בקשה[כט] צום הייליגן באַשעפער[ל].

אַזוי האָבן צדיקים געזאָגט ("דעת משה", דרושים לחנוכה) אַ רמז אין דעם פסוק (במדבר כא, ה) "עשה לך שרף

---

וואָלטן אין זינען געהאַט אַלע כוונות וואָס זענען ראוי מכוין צו זיין, און די תפילה פועל'ט גאָר אַ סאַך. און אפילו אין דעם פסוק ויהי נועם, זענען דאָ הויכע סודות אין יעדן אות און אין יעדן וואָרט. אזש, אז עס וואָלט געווען כדאי אַז מיר זאָלן זאָגן 'ויהי נועם', פאַר'ן עצם זאָגן 'ויהי נועם'... עכל"ק.

לגבי די ברכה פון די מצוה, שרייבט דער "קב הישר" (פרק צו): מ'זאָל גוט אין זינען האָבן ביים זאָגן די ברכות פון הדלקת הנרות, צו זאָגן די ברכות מיט אַ פריילין האַרץ, וויבאַלד די מצוה איז מורא'דיג באַליבט מיט דעם וואָס עס איז נאָר איין מאָל אַ יאָר, און אויך לכבוד די הייליגע מלאכים וואָס קומען אַריין אין הויז צוליב די הייליגע מצוה.

אויך שרייבט דאָרט דער "קב הישר": אין די ערשטע ברכה פון די חנוכה-לעכט ("להדליק נר חנוכה") זענען דאָ 13 ווערטער, און מ'דאַרף אין זינען האָבן אַז די דרייצן ווערטער זענען מעורר די דרייצן מדות פון רחמים ביי דעם אויבערשטען. אויך די צווייטע ברכה פון די חנוכה-לעכט ("שעשה נסים לאבותינו בימים ההם בזמן הזה") האָבן דרייצן ווערטער, און אויך זיי זענען מעורר די י"ג מדות של רחמים, און ביידע ברכות צוזאַמען האָבן 26 ווערטער, אַנטקעגן דעם שם הוי' ב"ה (וואָס איז אויך בגימטריא 26).

ווייטער שרייבט דער "קב הישר", אַז די מלאכים, שרפים און אופנים, קומען אין יעדן אידישן הויז, און קוקן זיך צו, צו די עבודה פון אַ איד ביים צינדן חנוכה לעכט, און זיי ענטפערן "אמן" אויף זיין ברכה. ער זאָגט אַ רמז דערויף, "מלאך" איז בגימטריא "אמן" (91).

מ'דאַרף געדענקען וואָס דער גאון רבי יעקב עמדין זצ"ל שרייבט ("מור וקציעה", סימן תער"ב), אַז די ברכות פון הדלקת נרות חנוכה, זענען אַנדערש פון אַנדערע ברכות המצוות, ווייל ביי די אַנדערע מצוות, מאַכט מען די ברכה "אויף" די מצוה, אָבער די ברכות פון די חנוכה לעכט, זענען אַ חלק פון דעם עיקר קיום המצוה, ווייל די מצוה פון צינדן חנוכה לעכט איז דאָך בעיקר כדי מפרסם צו זיין דעם נס, און אויב מ'צינדט אָן אַ ברכה, טוט מען דאָך גאָרנישט, ווייל דער מענטש וואָס זעהט איהם צינדן, קען מיינען אַז ער צינדט די לעכט פאַר זיין אייגענעם באַדאַרף (זעה שבת כב.). קומט אויס אַז דורך די ברכה, ווערן די חנוכה לעכט אַ "חפצא" פון די מצוה, אַנדערש ווי ביי אַנדערע ברכות המצוות, וואָס זענען נישט אַ חלק פון די עצם מצוה. ממילא, דאַרף מען מער אַכטונג געבן צו מאַכן די ברכה מיט התלהבות, מיט די זעלבע התלהבות ווי דאָס צינדן אַליין.

**כז.** דער "חוות יאיר" שרייבט (הגהות מגור חיים, סי' תער"ב ס"ב), אַז דער עיקר פון די מצוה איז, אַז דער וואָס צינדט די לעכט זאָל זיין ביי די לעכט אַ האַלבע שעה, צו זעהן די לעכט און זיך פרייען מיט זיי.

**כח.** די ספרים זאָגן אַ רמז, "פתילה" (דער קנויט פון די חנוכה לעכט) האָט די זעלבע אותיות ווי "תפילה". דאָס פייער פון דעם לעכט טוט פאַרלענדן דאָס אויל, און די זאַך וואָס באַהעפט דעם פייער צום אויל, איז דאָך דער קנויט, און אָן דעם קנויט קען דאָס פייער נישט פאַרברענען דאָס אויל. "אויל" איז מרמז אויף כלל ישראל (ווי עס שטייט אין מדרש אָנהייב פרשת תצוה), און דאָס "פייער" איז מרמז אויף דעם אויבערשטען ("כי ה' אלוקיך אש אוכלה הוא"), דער חיבור און דביקות צווישן די אידן און דעם אויבערשטען, איז דורך "תפילה", אותיות "פתילה"...

**כט.** עס זענען דאָ פאַרשידענע מנהגים ביי חנוכה-לעכט צינדן, און אַוודאי דאַרף יעדער איינער זיך פירן ווי זיינע עלטערן און רבי'ס האָבן זיך געפירט. אין טייל פלעצער, פירט מען זיך צו זאָגן "יושב בסתר" זיבן מאָל נאָכ'ן צינדן חנוכה-לעכט.

אַזוי שרייבט דער "ספר זכירה" (סט, א) אַז עס איז אַ גוטע סגולה פאַר אַ שמירה אויפ'ן גאַנצן יאָר, צו זאָגן יעדע נאַכט נאָכן צינדן די חנוכה-לעכט, זיבן מאָל "ויהי נועם", און אַנדערע פירן זיך צו זאָגן קאַפּיטל קי"ט פון תהלים, זיך אויסצוגיסן דאָס האַרץ אין דעם געהויבענעם זמן פון הדלקת הנרות, צו בעטן אויף רוחניות'דיגע ענינים, פאַר זיך און פאַר די קינדער.

**ל.** דער זמן איז זייער מסוגל פאַר קבלת התפילות, ווי עס שטייט אין תוספתא (מע"ש פ"ה הי"ד) "כל העוסקין במצוות פיהם פתוח בתפלה לפני המקום" - אַלע מענטשן וואָס זענען מקיים מצוות, איז זייער מויל אָפען מיט אַ תפילה פאַר דעם אויבערשטען.

ושים אותו על נס, והיה כל הנשוך וראה אותו וחי". דער פסוק איז מרמז אויף די דריי ברכות וואָס מ'מאַכט ווען מצינדן די חנוכה לעכט (די ערשטע נאַכט חנוכה). "עשה לך שרף" - איז מרמז אויף דער ערשטער ברכה, "להדליק נר חנוכה", ווייל דאָס פייער פאַרברענט דאָך. "ושים אותו על נס" - איז אַ רמז אויף די ברכה "שעשה נסים". "וראה אותו וחי", איז מרמז אויף די ברכה "שהחיינו וקימנו", די סגולה פון נרות חנוכה איז, אַז יעדער וואָס איז "געביסן" געוואָרן ח"ו, זאָל קוקן אויף די חנוכה לעכט און ער וועט לעבן, ווייל אפילו דער מענטש וואָס שטייט אויף די נידעריגסטע מדריגה, קען זיך איבערדרייען צום גוטן, און שטייגן העכער און העכער. דער "אָנהייב" איז אָבער, "עשה לך שרף", מ'זאָל 'ברענען' מיט אַ הייליגן פייער ווען מ'איז מקיים די מצוה, און ביי אַלע ענינים פון עבודת השם[לא].

אַזוי קומט אוים פון די ווערטער פונעם "מאירי", אויף די אויבן דערמאנטע ווערטער פון חז"ל, "הרגיל

---

אַזוי שרייבט אויך דער "רבינו בחיי" (שמות יט, ג) אַז ווען די פרוי צינדט שבת-ליכט, זאָל זי מתפלל זיין אַז אירע קינדער זאָלן זיין תלמידי חכמים וואָס לייכטן אין תורה, ווייל די תפילה ווערט בעסער געהערט אין הימל בשעת מ'איז מקיים אַ מצוה.

אַ חסיד'ישער איד מיט'ן נאָמען ר' שמעון דאַסקאַל, האָט געהאַט אַ כלים-געשעפט אין צענטער פון בני ברק, אויף רחוב רבי עקיבא ביים ווינקל פון רחוב ירושלים. איידער ער האָט געקויפט יענעם געשעפט, האָט מען איהם אָנגעבאָטן פאַר'ן זעלבן פרייז, אַ געשעפט וואָס איז געווען אסאך גרעסער ווי דאָס הויז אויף רחוב רבי עקיבא. עס האָט אָבער געהאַט איין חסרון, אַז עס איז געווען אויף אַ זייטיג געסל, וואו מענטשן האָבן זיך נישט געדרייט. האָט ר' שמעון געפרעגט זיין רבי'ן, הרה"ק מסאַטמאַר זי"ע, וואָס ער זאָל טוהן. האָט דער רבי איהם געזאָגט, מיר געפינען אַז די תנאים און אמוראים האָבן מחבר געווען פאַרשידענע תפילות צו זאָגן ביים סוף פון תפילת שמונה עשרה (ווי די גמרא זאָגט אין מסכת ברכות דף יז.), אָבער מיר זעהען נישט אַז דער המון עם זאָגט די תפילות וואָס די חז"ל האָבן מתקן געווען. פון דער צווייטער זייט, איז דאָ איין תפילה וואָס איינער פון די אחרונים - דער "חיי אדם" - האָט מחבר געווען, און די דאָזיגע תפילה האָט "זוכה" געווען אַז אַ גרויסער טייל פון כלל ישראל זאָגט עס, ווייל עס געפינט זיך אויף אַ גוטן אָרט... איידער מ'גייט זאָגן "כל נדרי" יום כיפור פאַרנאַכט.

- דאָס זעלבע זאָג איך דיר - האָט דער סאַטמאַרער רב געזאָגט. - ענדערש, צו קויפן אַ געשעפט וואָס געפינט זיך אויף אַ גוטן אָרט, אין צענטער פון שטאָט...

ר' שמעון האָט אַזוי געטוהן, און ער האָט ברוך השם מצליח געווען מיט זיין געשעפט.

קענען מיר צוליגן לענינינו, ווען מ'געפינט זיך "אויף אַ גוטן אָרט", ביי די חנוכה-לעכט, איז דאָס די צייט און דאָס אָרט משקיע צו זיין...

**לא.** מ'דאַרף זיך אָבער היטן, ווען מ'צינדט די חנוכה-לעכט, אַז אַנדערע מענטשן זאָלן זיך נישט אָפּבריען פון זיין "פייער", דאָס הייסט, ער זאָל נישט צוקומען חלילה צו גאווה אָדער צו כעס. ער דאַרף געדענקען, אַז איין כעס, אָדער איין מאָל טשעפּען מיט'ן חבר, שטופּט אַוועק 100 עבודות און יגיעות ביי אַ מצוה. דער עיקר העיקרים איז צו זיין "אהוב למעלה", און צוזאַמען דערמיט, אויך זיין "נחמד למטה".

כ"ק אאמו"ר מלעלוב זי"ע האָט דערציילט, אַז ער האָט געהערט פון אַלע חסידים, אַז נאָך די הסתלקות פון הרה"ק בעל "יסוד העבודה" זי"ע, האָט דער עולם חסידים זיך געפונען אין אַ דילעמע, וועמען אויפצונעמען אַלס אַ רבי (ווייל עטליכע פון זיינע קינדער זענען געווען ראוי צו די הנהגה). צום סוף, האָבן זיי מקבל מרות געווען פון הרה"ק בעל "דברי שמואל" זי"ע, וועלכער איז געווען אַ זון פון הרה"ק רבי מיכל אהרן זי"ע (וועלכער האָט נישט געוואָלט פירן), צוליב די פאָלגענדע מעשה שהיה:

דער "דברי שמואל" איז אַ גאַנץ יאָר געווען פאַרנומען מיט די הכנות צו די חנוכה-לעכט. ער פלעגט שטיין ביים צומאַלן די איילבירטן, און האָט געזעהן עס זאָל אַרויסקומען דערפון ריינער איילבירטן-אויל, "שמן זית זך", אָן זאַץ. אויך פלעגט ער צוגרייטן די קנויטן פאַר די חנוכה-לעכט מיט גרויס דביקות, שוין אָפּגערעדט ביים צינדן די לעכט, האָט זיין הייליג פנים געפלאַקערט מיט אַ דביקות.

איינמאָל איז דער "דברי שמואל" געפאָרן צום זיידן, דעם "יסוד העבודה", אויף שבת חנוכה, און האָט זיך אויפגעהאַלטן אין אַ צימער נעבן די שול. פרייטאָג נאָכמיטאָג, האָט ער שוין אָנגעהויבן צוגרייטן די לעכט מיט אַ

יגיעה און דביקות, כדרכו בקודש, און ווען אַלעס איז שוין געווען גרייט, איז ער אַרויפגעגאַנגען צום זיידן דעם "יסוד העבודה", צוצוזעהן זיין עבודה ביים צינדן די מנורה. ווען דער זיידע האָט געענדיגט צינדן חנוכה-לעכט, איז דער "דברי שמואל" אַראָפּגעגאַנגען אין שול כדי צו צינדן זיינע לעכט, אָבער צו זיין שטוינונג האָט ער באַמערקט אַז עמיצער האָט שוין געצונדן די לעכט. האָט ער זיך אָנגערויבן מיט אַ גבורת הנפש, און מיט ישוב הדעת: "אָה, מ'האָט שוין געצונדן די לעכט... גיט מיר אַנדערע לעכט". וויבאַלד ס'איז שוין אָבער געווען שפּעט, האָט מען געפונען נאָר איין לעכטל פון חלב. האָט דער "דברי שמואל" געזאָגט רואיגערהייט:

- ס'איז שפּעט. נו, וועלן מיר צינדן 'נר איש וביתו'...

ער האָט געצונדן דאָס לעכטל, און מער האָט ער נישט גערעדט וועגן די גאַנצע פּאַסירונג. צוליב די דאָזיגע מעשה, האָבן די אַלטע חסידים געזעהן אין איהם דעם 'ראוי לאותה איצטלא', צו זיין דער ממלא-מקום פון זיין גרויסן זיידן און פירן די הייליגע סלאָנימער שלשלת. נישט צוליב זיינע יגיעות און הכנות וואָס ער האָט געמאַכט במשך דעם גאַנצן יאָר צום יום טוב חנוכה, נאָר דייקא צוליב יענער פּאַסירונג, וואָס ער האָט "נישט" געצונדן די לעכט, און איז נישט געוואָרן אין כעס.

אויך ביי זיין זון, הרה"ק בעל "בית אברהם" זי"ע פון סלאָנים, האָט אַמאָל פּאַסירט, אַז פרייטאָג, ערב שבת חנוכה, ווען ער איז געשטאַנען גרייט צו צינדן די חנוכה-ליכט, האָט זיין זון, דאָס יונגע קינד שלמה דוד יהושע (דער שפּעטערדיגער סלאָנימער רבי, הרה"ק רבי שלמה דוד יהושע זי"ע, וועלכער ווערט גערופן צווישן סלאָנימער חסידים, "דער יונגער רבי", און איז ליידער אומגעקומען אין צייט פון חורבן על קידוש השם, הי"ד), אומגעוואָרפן די מנורה פונעם טאַטן, און עס איז שוין נישט געווען גענוג צייט פאַר'ן זמן פון כניסת השבת, נאָך אַמאָל אָנצוגרייטן די חנוכה-לעכט און צינדן ווי געהעריג. איז דער "בית אברהם" געזעסן רואיג, און מיט אַ שמייכל אויפ'ן הייליגן פּנים האָט ער געזאָגט:

- דער זעלבער באַשעפער וואָס האָט געזאָגט אַז מיר זאָלן צינדן חנוכה-לעכט, האָט אויך באַפוילן זיך נישט צו בייזערן...

דער הייליגער "חפץ חיים" זצ"ל האָט אַמאָל אַהיים באַגלייט זיין רבי'ן, הגאון רבי נחום קאַפּלאַן זצ"ל פון האָראָדנע, צו די חנוכה-ליכט. ווען רבי נחום האָראָדנער איז אָנגעקומען אין הויז, האָט ער באַמערקט אַז די רעביצין געפינט זיך נישט אין שטוב, און ער האָט צוגעוואַרט ביז די רעביצין איז אַהיים געקומען. ביי אַ געלעגנהייט, האָט דער "חפץ חיים" געפרעגט דעם רבי'ן, "עס איז דאָך דאָ אַ חיוב צו צינדן די לעכט באַלד ביים זמן פון הדלקה". האָט רבי נחום געענטפערט:

- די גמרא זאָגט (שבת כג:) רבא האָט געזאָגט, עס איז ביי מיר אַ פּשוט'ע זאַך, אַז אויב איינער האָט נישט גענוג געלט צו קויפן סיי לעכט אויף שבת, און סיי לעכט אויף חנוכה, קומען די שבת-לעכט פריער, "משום שלום ביתו" - צוליב שלום בית (אַז ס'איז לעכטיג אין שטוב, קומט מען נישט צו אַ קריגעריי). זעהען מיר דאָך, אַז צוליב שלום בית, איז מען מוותר אויף חנוכה-ליכט צינדן. אויב איך וואָלט געצונדן די חנוכה-ליכט איידער די רעביצין איז אַהיים געקומען, וואָלט איך דאָך גורם געווען עגמת נפש פאַר איר, און דאַן וואָלט בעסער געווען אויב איך וואָלט אינגאַנצן נישט געצונדן...

דער טאָלנער רבי, כ"ק אדמו"ר רבי יוחנן טווערסקי זצ"ל, האָט אַריינגעלייגט אַ גרויסע עבודה אין די חנוכה-לעכט. נאָכ'ן צינדן, פלעגט ער טאַנצן פאַר די לעכט מיט אַ געוואַלדיגע התלהבות, מיט אַלע כוחות. פון גרויס שמחה, פלעגט ער אַפילו מאַכן "קאָזשיקלעך" פאַר די לעכט.

איינמאָל נאָכ'ן צינדן די חנוכה לעכט, איז אַ קינד אַדורכגעלאָפן פאַר די לעכט, און האָט זיך אָנגעשטויסן אין די מנורה, און אַלע לעכט זענען אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד... האָט דער טאָלנער רבי זיך אָנגערופן צום קינד:

- טייער קינד, איך בין דיר מכיר טובה פאַר דעם וואָס דו האָסט מיך היינט מזכה געווען מקיים צו זיין די מצוה פון (שבת כא.) "כבתה אין זקוק לה" (אַז די לעכט פאַרלעשן זיך אינמיטן די האַלבע שעה, דאַרף מען עס נישט אָנצינדן אַ צווייטן מאָל)...

פון די דאָזיגע עובדא, קענען מיר לערנען צוויי זאַכן. ערשטנס, כפשוטו, דער טאָלנער רבי האָט זיך געפרייט אַז היינט האָט ער זוכה געווען מקיים צו זיין די הלכה וואָס קומט נישט אונטער אַזוי אָפט מקיים צו זיין, "כבתה אין זקוק לה". און צווייטנס, אויף אַזאַ אופן איז "אין זקוק לה", מ'דאַרף נישט "אָנצינדן" דעם פייער פון כעס אויפ'ן קינד וואָס האָט פאַרלאָשן די לעכט אין זיין ווילדקייט, נאָר מ'קען איבערלאָזן דעם "פייער" פון כעס, פאַרלאָשן...

בנר הויין ליה בנים תלמידי חכמים"[לב], זאָגט רש"י (ד"ה "בנים") אַז דאָס גייט אַרויף אויף די לעכט פון שבת און פון חנוכה. פרעגט רבינו יצחק בן הראב"ד (קונטרס סדר הדלקת נרות חנוכה, געדרוקט אין ספר הזכרון "פחד יצחק", פון הג"ר יצחק הוטנער זצ"ל), מיר זעהען דאָך אַז רוב מענטשן זענען מקפיד צו צינדן חנוכה לעכט יעדעס יאָר, און נישט אַלע זענען זוכה צו קינדער תלמידי חכמים? ענטפערט ער, אַז פונדעסטוועגן, איז נאָר אַ "מיעוטא דמיעוטא" - גאָר ווייניג מענטשן, "מקיימין אותה בכל פרטותיה ודקדוקיה" - זענען מקיים די מצוה פון הדלקת נרות חנוכה, מיט אַלע אירע פרטים און דקדוקים.

פון די ווערטער פונעם "מאירי" (שבת, שם) זעהט מען אָבער, אַז די קשיא איז בכלל נישט שווער, ווייל ער שרייבט: "הרגיל בנר דרך חיבוב מצוה והערה (פון לשון התעוררות) מפורסמת, הויין ליה בנים תלמידי חכמים", דער מענטש וואָס איז געוואוינט צו צינדן חנוכה לעכט מיט אַ ליבשאַפט און התעוררות, איז זוכה צו קינדער תלמידי חכמים. דאָס הייסט, אַז כדי זוכה צו זיין צו קינדער תלמידי חכמים[לג], איז נישט גענוג צו צינדן חנוכה לעכט "כמצות אנשים מלומדה", נאָר מיט אַ ליבשאַפט פאַר די מצוה[לד]. על כל פנים, זעהט מען פון זיינע ווערטער ווי אַזוי עס דאַרף אויסזעהן

---

**לב.** הרה"ק בעל 'חידושי הרי"ם' זי"ע האָט געזאָגט ('חידושי הרי"ם' עה"ת, ענייני חנוכה), אַז אויב מ'איז זוכה דורך די חנוכה לעכט צו קינדער תלמידי חכמים, איז דאָך אַ כל שכן און אַ קל וחומר, אַז דער מענטש אַליין קען זוכה זיין צו תורה, ער זאָל זיין אַ תלמיד חכם, עכדה"ק.

**לג.** פריערדיגע צדיקים האָבן געזאָגט, אַז דאָס וואָס די חז"ל זאָגן "הרגיל בנר הויין ליה בנים תלמידי חכמים", גייט אַרויף אויך אויף קינדער וואָס זענען חלילה אַראָפּ פון דרך הישר. די חנוכה-ליכט זענען בכח אָנצוצינדן אין זיי אַ פונק פון די קדושה, אַז זיי זאָלן צוריק אַרויפקומען אויפ'ן דרך המלך. צו דעם איז אָבער נויטיג אַז דער טאַטע זאָל צינדן די לעכט "דרך חיבוב מצוה והערה מפורסמת", און אַזוי וועט ער אָנצינדן אַ הייליגן פייער אין די הערצער פון די קינדער.

דער סלאָנימער רבי, הרה"ק בעל "בית אברהם" זי"ע, האָט דערציילט, אַז איינמאָל ווען זיין זיין זיידע, הרה"ק בעל "יסוד העבודה" זי"ע, איז געגאַנגען מיט'ן משמש אויף דער גאַס, איז אַ פרוי מיט אַ צובראָכן האַרץ, צוגעקומען צו זיי, און געפרעגט ווער פון זיי ס'איז דער רבי (ווייזט אויס, אַז זי האָט זיי נישט געקענט), ווייל זי נויטיגט זיך אין דער ברכה פונעם רבי'ן. זעלבסט-פאַרשטענדליך, אַז דער משמש האָט געוויזן אויפ'ן "יסוד העבודה", אַז ער איז דער רבי, אָבער צו זיין פאַרוואונדערונג, האָט דער "יסוד העבודה" גאָר געוויזן אויף דעם משמש, אַז ער איז דער רבי... די זאַך האָט זיך אַזוי איבערגע'חזר'ט עטליכע מאָל, דער רבי ווייזט אָן אויפ'ן משמש, און דער משמש, ווייזט אויפ'ן רבי'ן... ביז די פרוי האָט אויסגעבראָכן אין אַ יאָמערליכן געוויין, און געזאָגט: "איך בעט אייך, איך בין אין אַ גרויסע צרה רח"ל און לאָזט נישט פון מיר"... האָט דער "יסוד העבודה" איר געפרעגט וואָס עס האָט פאַסירט, און די פרוי האָט געענטפערט:

- איינע פון מיינע טעכטער, איז לײדער אַראָפּ פון ערליכן וועג, און יעצט האָט זי אַפילו פאַרלאָזט אונזער הויז, און איז געגאַנגען זיך פאַשען אויף פרעמדע פעלדער רח"ל. אַלע מיינע באַמיאונגען איר צוריקצוברענגען צום ערליכן וועג, האָבן נישט געבראַכט קיין רעזולטאַטן. איך האָב מורא, אַז איך וועל עס חלילה נישט איבערטראָגן!

האָט דער "יסוד העבודה" איר געפרעגט, אויב זי האָט ערגעץ אין הויז קליידער וואָס איר טאָכטער האָט געטראָגן אין דער פאַרגאַנגענהייט. האָט די פרוי געענטפערט אַז יאָ. האָט דער "יסוד העבודה" איר געהייסן נעמען די קליידער, און מאַכן דערפון 'קנויטן', צו צינדן דערמיט די שבת-לעכט, און דער אויבערשטער וועט העלפן, די טאָכטער וועט צוריקקומען צום ערליכן אידישן וועג.

זעלבסט-פאַרשטענדליך, אַז אַזוי האָט די פרוי געטוהן. זי האָט געמאַכט קנויטן פון איר טאָכטער'ס קליידער, און קומענדיגן פרייטאָג האָט זי געצונדן דערמיט די שבת-לעכט, און צו אַלעמענ'ס וואונדער, אינמיטן דער סעודה פרייטאָג צו נאַכטס, איז די טאָכטער אַריינגעקומען מיט אַ יאָמערליכן געוויין אין הויז, און געזאָגט, אַז עס איז אַריין אין איר אַ 'רוח שטות' צו זינדיגן, אָבער יעצט האָט זי חרטה פון טיפן האַרצן אויף אַלע אירע זינד. זי איז אַרויפגעפאַלן אויף איר מאמע און איר אַרומגענומען מיט גרויס ליבשאַפט, און זינט דאַן, איז זי געוואָרן אַן ערליכע אידישע טאָכטער.

אַ "קיום המצוה כתיקונה", נאָר דורך "חיבוב מצוה והערה מפורסמת".

**שעשה ניסים בימים ההם בזמן הזה - 8 טעג פון ניסים ונפלאות**

**דער** רמ"א פסק'ענט (או"ח סי' קפז, ס"ד) אַז מ'זאָגט 'ועל הניסים' חנוכה און פורים, איידער מ'זאָגט 'ועל הכל'. אויב מ'האָט פאַרגעסן צו זאָגן, דאַרף מען נישט בענטשען נאָך אַמאָל, נאר מ'קען עס זאָגן ביי 'הרחמן': 'הרחמן הוא יעשה לנו ניסים, כמו שעשה ניסים בימים ההם' וכו', און אַזוי פירט מען זיך.

**פרעגן** די פוסקים ('בכור שור', שבת כא., 'ישועות יעקב', סי' תרפ"ד) מ'טאָר דאָך נישט מתפלל זיין אויף אַ נס, ווי מיר געפינען ביי רבא (תענית כד:) אַז צוליב אַ מעשה שהיה האָט ער געבעטן רחמים עס זאָל רעגענען

זעהען מיר אַז די הייליגע ליכט פון שבת (און פון חנוכה) זענען אימשטאַנד צוריקצוברענגען אידישע נשמות וואָס האָבן ליידער פאַרבלאָנדזשעט פון ערליכן וועג.

דער "בית אברהם" האָט אויסגעפירט דער מעשה, צוגעבנדיג, אַז צוליב דעם מאַכט מען אַ ברכה "להדליק נר של שבת", און חנוכה זאָגט מען "להדליק נר חנוכה", אַז יעדע פאַרבלאָנדזשעטע אידישע נשמה קען זיך אומקערן צו איר שורש און צום מקור פון די קדושה, אָנצינדן זיין נשמה מיט'ן כח פון די נרות של מצוה.

אגב, איז כדאי צו ברענגען וואָס די ספרים שרייבן, אַז דורך דעם וואָס יעקב אבינו ע"ה האָט זיך נישט געוואָלט טרייסטן נאָך יוסף'ס פאַרשווינדן, ווי דער פסוק זאָגט אין דער היינטיגער סדרה (לז, לה) "וימאן להתנחם וגו', ויבך אותו אביו", אין דעם זכות, האָט יוסף געקענט מקיים זיין דעם "וימאן" - זיך אָפצוזאָגן פון אַ האַרבע עבירה, אין זכות פון די הייסע טרערן וואָס זיין הייליגער טאַטע, יעקב אבינו ע"ה, האָט פאַרגאָסן אויף איהם.

אַזוי שרייבט דער "צרור המור" (פרשתינו, עה"פ 'ויבך אותו אביו'), אַז דאָס געוויין פון יעקב האָט געהאָלפן אַז יוסף זאָל פאַרקויפט ווערן דייקא קיין מצרים, און נישט צו אַ ווייטן אינדזל, און ער איז געוואָרן אַ האַר אין הויז פון פוטיפר, און צוליב דעם טעם זענען געשטעלט געוואָרן נאָנטביידע פסוקים, "ויבך אותו אביו", און "והמדנים מכרו אותו אל מצרים לפוטיפר סריס פרעה שר הטבחים", צו לערנען, אַז אין זכות פון יעקב'ס טרערן, איז יוסף פאַרקויפט געוואָרן אַלס אַ קנעכט אין מצרים, און נישט אין אַ ווייטן פאַרוואָרפענעם אָרט.

**לד.** אַ געוויסן יאָר אין די חנוכה-טעג, איז דער באַרימטער גאון רבי חיים עוזר גראָדזענסקי זצ"ל פון ווילנא, מחבר פון ספר "אחיעזר", געווען אויף אַ באַזוך אין דער שטאָט קראָקע. זייענדיג דאָרט, איז זיין מאַנטל צעריסן געוואָרן, און ער איז געגאַנגען צו אַ שניידער, ער זאָל איהם פאַרריכטן דעם ריס. אָריינקומענדיג צום שניידער, האָט דער שניידער זיך פאַרענטפערט פאַר איהם אַז יעצט האַלט ער ביים צינדן חנוכה-ליכט, און ער וועט נישט קענען פאַרריכטן יעצט דעם מאַנדל. האָט רבי חיים עוזר מסכים געווען צו וואַרטן ביים שניידער אין הויז, ביז ער וועט ענדיגן צינדן די לעכט. דער גאון האָט געטראַכט ביי זיך: "ווי לאַנג וועט עס דען דויערן פאַר'ן שניידער, צו צינדן חנוכה-ליכט?...".

למעשה, אָבער, האָט דער שניידער - צו דער פאַרוואונדערונג פון רבי חיים עוזר - געמאַכט אַ געהעריגע הכנה צום צינדן. ער האָט אויסגעטוהן די וואָכעדיגע אַרבעטס-קליידער, און אָנגעטוהן די שבת'דיגע מלבושים. דאַן האָט ער געצונדן די חנוכה ליכט מיט אַ ליבשאַפט און התלהבות. ער איז געזעסן ביי די לעכט אַ האַלבע שעה, און געזינגען וואַרימע ניגונים, זמירות שירות ותשבחות למלך קל חי וקיים. דאַן האָט דער שניידער אויסגעטוהן די שבת'דיגע מלבושים, און צוריק אָנגעטוהן די שניידערישע קליידער, און זיך אַוועקגעזעצן צוזאַמענצונייען דעם מאַנטל פונעם גאון רבי חיים עוזר... ווען רבי חיים עוזר האָט דערציילט די מעשה, האָט ער צוגעלייגט:

- דאַן האָב איך פאַרשטאַנען פאַרוואָס די שטאָט קראָקע האָט זוכה געווען אַז עס זאָלן אַרויסקומען פון איר גדולי תורה ויראה...

מ'קען זאָגן, "לשבר את האוזן" - צו פאַרשטיין: מיט דער היינטיגער 'טעכנאָלאָגיע', פּראָדוצירט מען פאַרשידענע זאַכן. עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז מ'וועט אין דער נאָנטער צוקונפט באַווייזן צו 'באַשאַפן' אַ באַשעפעניש וואָס זאָל אויסזעהן און האָבן דעם טעם ווי אַן אמת'ע פרי, און עס זאָל אַפילו זיין ראוי צו עסן און צו קאָכן. אָבער מיט דעם אַלעם, וועט אַזאַ פרי נישט זיין אימשטאַנד צו מאַכן שפּראָצן נאָך פרוכטן. דער נמשל איז: דער מענטש וואָס איז נישט מעורר אין זיך אַ התעוררות מיט'ן פנימיות פון זיין האַרץ, איז ער ממש אַזוי ווי די טעכנאָלאָגישע

אין תקופת תמוז, און דערנאָך האָט ער געזעהן אין חלום זיין טאטען, וועלכער האָט איהם באַפוילן צו שלאָפן אויף אַן אַנדערן בעט - נישט אויפ'ן בעט וואו ער שלאָפט יעדע נאַכט. אַ טאָג שפּעטער, האָט ער געזעהן צייכנס פון מעסערס אויף זיין בעט, ווייל די מזיקים האָבן איהם געוואָלט הרג'ענען ח"ו. אַלעס דערפאַר ווייל ער האָט מטריח געווען כלפי מעלה כביכול, צו מאַכן אַן אומנויטיגן נס. אויב אַזוי, ווי אַזוי מעג מען חנוכה בעטן 'הרחמן הוא יעשה לנו ניסים'?

**ענטפערט** דער 'דברי שאול' (להגאון בעל 'שואל ומשיב' זצ"ל, דרוש לחנוכה) אַז דאָס וואָס מ'טאָר נישט בעטן אויף אַ ניסים'דיגע הנהגה העכער פון די טבע, איז נאָר געזאָגט געוואָרן אַ גאַנץ יאָר, ווען 'עולם כמנהגו נוהג', און אויב מ'בעט דעמאָלס אויף אַ נס, פאַרדרייט מען די מערכות פון שמים וארץ, אַנדערש איז אָבער אין דעם יום טוב חנוכה, ווען אַלע וועלטן ווערן געפירט מיט אַ הנהגה פון ניסים, און אין די טעג איז דער נס אריינגעלייגט אין די טבע פון די בריאה, ממילא איז פונקט אַזוי ווי מ'בעט אַ גאַנץ יאָר אויף די טבע, קען מען חנוכה, מתפלל זיין אויף אַ נס[לה]. דעריבער, אויב מ'האָט פאַרגעסן צו זאָגן 'ועל הניסים', קען מען זאָגן שפּעטער, 'הרחמן הוא יעשה לנו ניסים' וכו'[לו]. (פאַרשטייט זיך, אַז אויך אַ גאַנץ יאָר זענען מיר בכח צו פועל'ן מיט תפילה, אַז

"פרי", וואָס כאָטש אויבנאויף זעהט עס אויס ווי אַן אמת'ע פרוכט, אָבער ער קען נישט אַרויסגעבן קינדער תלמידי חכמים, ווייבאַלד ער האָט נישט אמת'ע תוכנ'דיגע פנימיות... ודי למבין.

**לה.** אַ וואונדערליכע זאַך געפינען מיר, ווען שרה אמינו ע"ה האָט געבוירן יצחק, ווען זי איז געווען אין עלטער פון 90 יאָר, 'ותהום כל העיר'.. יעדער איינער האָט גערעדט דערפון, און אויך אין די תורה געפינען מיר אַז מ'באַציט זיך צו דעם גרויסן נס און וואונדערליכע ערשיינונג פון יצחק'ס געבורט צו שרה'ס 90 יאָר. מיר געפינען אָבער נישט אַז די תורה זאָל דערציילן וועגן דעם גרויסן נס אַז יוכבד האָט געבוירן משה רבינו ע"ה ווען זי איז אַלט געווען 130 יאָר. די תורה מאַכט בכלל נישט אַ 'רעש' פון דעם נס.

ענטפערט דער דובנער מגיד זצ"ל (מיט אַ זיסן משל, כדרכו). אין מצרים איז געווען אַ 'יריד' פון ניסים. די אידישע מאַמעס האָבן געבוירן זעקס קינדער אויף איינמאָל, די קינדער זענען געבוירן געוואָרן אין וואַלד, און עס האָבן באַלד געוואַקסן ציינער א.א.וו. ממילא, האָט קיין שום נס נישט קיין חשיבות צווישן אַזעלכע ניסים.

לענינינו, קענען מיר צוגעבן, אין דעם יום טוב חנוכה, קומט פאַר אַ אַ 'יריד' פון ניסים. ממילא, איז עס נישט אַזאַ גרויסע רבותא ווען עס פּאַסירט אַ נס פאַר אַ יחיד, אפילו אויב עס איז בעצם אַ גרויסער נס. דער מענטש וואָס האָט שכל, נוצט אויס די טעג צו פועל'ן פאַר זיך ניסים ונפלאות, וואָס זאָלן אָנקומען פיל לייכטער...




אין יאָר תרע"ג, האָט פּאַסירט אַ מורא'דיגע מעשה ביי הרה"ק רבי איציקל פשעוואָרסקער זי"ע: עס געקומען צו איהם אַ איד פון אַנטווערפּן וועלכע האָט געדאַרפט אַרויספאָרן פון לאַנד, און זיך מזכיר געווען, זאָגענדיג פאַר'ן רבי'ן אַז ער האָט נישט קיין "פּאַספּאָרט". דער רבי, נישט טראַכטענדיג קיין צוויי, האָט גענומען אַ 'בענטשער', און איהם עס דערלאַנגט זאָגענדיג, האָסטו דיין "פּאַספּאָרט"...

דער איד, האָט זיך מחזק געווען מיט אמונת חכמים און זיך אַרויסגעלאָזט אויפן וועג. אַריבערגייענדיג די גרעניץ, האָט דער איד אויסגעשטרעקט דעם 'בענטשער' ווי כאילו דאָס איז זיין "פּאַספּאָרט", און צו זיין שמחה, האָט דער נס פלא פּאַסירט, און דער באַאַמטער האָט עס געזיגלט מיט'ן חתימה וועלכע טוט באַשטעטיגן אַז ער קען אַריין אין לאַנד.

און וואונדער איבער וואונדער, ווי ער האָט ער געלייגט דעם זיגעל? אויף די ווערטער פון "ועל הניסים"! (זעה בייגעלייגט בילד).
דאָס איז אַ רמז פאַר אונז, אַז אין די ווערטער פון "ועל הניסים"

דער אויבערשטער זאָל באַווייזן פאַר אונז ניסים ונפלאות, נאָר די חנוכה-טעג האָבן אַ גרעסערע מעלה, אַז מ'קען דעמאָלס 'בעטן' אויף די ניסים[לז].

די גמרא זאָגט (שבת כא:) 'מצות חנוכה נר איש וביתו, והמהדרין נר לכל אחד ואחד, והמהדרין מן המהדרין, בית שמאי אומרים, יום ראשון מדליק שמונה' וכו'. איז שווער, פאַרוואָס הייבט אָן די גמרא מיט אַ לשון רבים, 'והמהדרין', און פירט אויס בלשון יחיד: 'מדליק' שמונה. אויך איז שווער, פאַרוואָס זאָגט ער 'מהדרין', און 'מהדרין מן המהדרין', און נישט 'מחמירין', אַזוי ווי אין אַנדערע ערטער אין ש"ס.

---

איז דאָ דער כח פון ממשיך זיין ניסים אויף אַ גאַנץ יאָר, ועל נסיך שבכל יום עמנו. און דאָס איז בכח צו עפענען אַלע שערים און טויערן, אין הימל און אויף דער ערד, ווי אימער אַ איד נויטיגט זיך אין אַ ישועה, אפילו חוץ לדרך הטבע, טוען זיך מיט דעם עפענען אַלע גרעניצן!

אַוודאי, צו פאַרוועון אַזעלכע מופתים אינמיטן יאָר, דאַרף מען אָנקומען צום גרויסן הייליגן כח פון דעם איש האלוקים רבי איציקל פשעוואָרסקער זי"ע, אָבער יעצט, ווען מיר גייען אריין אין די טעג פון חנוכה, דאַרפן מיר וויסן אז מיר זענען אַלע בכח איבערצודרייען די מערכות פון די טבע.

**לו.** ס'איז אָבער פאָרט שווער, אויב מ'מעג חנוכה בעטן אויף ניסים, פאַרוואָס האָבן חז"ל נישט באַשטימט אַז מ'זאָל אַזוי זאָגן לכתחילה אין דעם נוסח פון די ברכה (נישט נאָר אויב מ'האָט פאַרגעסן).

ענטפערט דער טשערנאָבילער רבי זצ"ל על דרך מוסר, אַז דער מענטש וואָס האָט פאַרגעסן 'ועל הניסים' ביים דאַווענען, איז דאָך אַ סימן אַז ער איז מסיח דעת פון די ניסים'דיגע טעג, ממילא דאַרף ער בעטן אַז ער זאָל זוכה זיין צו אַ פּרטיות'דיגן נס, זיך אויפצואוועקן פון שלאָף, און פאַרשטיין צו געניסן פון דעם אור הגנוז וואָס ווערט נשפע אין חנוכה.

חסידים ואנשי מעשה האָבן אָבער געזאָגט אויך פאַרקערט, אַז אויך אין די טעג פון חנוכה, דאַרף דער מענטש האָבן עפּעס אַ זכות אַז ער זאָל קענען מתפלל זיין אויף אַ נס, און אויב מ'פאַרגעסט צו זאָגן 'ועל הניסים' ביים דאַווענען, איז ער דאָך מסתמא זייער צובראָכן ביי זיך אין האַרץ, ממילא, איז ער זוכה אַלס שכר פאַר זיין ענוה און שפלות הרוח, אַז מ'האָט איהם ערלויבט צו בעטן אויף ניסים.

באמת, קען מען זאָגן, 'אלו ואלו דברי אלקים חיים', נאָר מ'דאַרף זיך באַנוצן מיט יעדע פון די דערמאַנטע מאמרים, אין דער ריכטיגער צייט. מיט'ן דערמאַנטן וואָרט פון טשערנאָבילער רבי'ן, ווערט דער מענטש נתעורר צו עבודת ה', און פונדעסטוועגן, אויב דער יצר הרע וועט פּרובירן אַריינצוּוואַרפן דעם מענטש צוליב דעם אין יאוש, זאָל ער זיך באַלד דערמאָנען אַז 'לב נשבר ונדכה, אלוקים לא תבזה', און אַזוי וועט ער מבטל זיין פון זיך דעם כח פונעם יצר הרע.

**לז.** לויט די ווערטער פונעם 'שואל ומשיב', קען מען לכאורה מאַכן אַ טעות און מיינען, אַז דאָ איז משמע אַז נאָר אין חנוכה קען מען בעטן אויף זאַכן וואָס זענען העכער פון די הנהגה פון טבע, אָבער אַ גאַנץ יאָר, טאָר מען נישט בעטן אויף אַ קראַנקן אַז ער זאָל אויסגעהיילט ווערן, אויב עס איז חלילה נישט פאַרהאַן אַ רפואה פאַר זיין מחלה בדרך הטבע. ס'איז אָבער קלאָר אַז דאָס איז נישט ריכטיג, ווי דער מהרש"א זאָגט (קידושין, חידושי אגדות דף כט:) אַז אַ נס וואָס פאַסירט דורך תפילה, איז נישט בגדר נס לגבי דעם ענין פון 'מנכין לו מזכיותיו', אַז מ'זאָל אַראָפּרעכענען פון די זכותים פונעם מענטש, און צוליב דעם מעג מען, און עס איז אַפילו אַ חיוב, מתפלל צו זיין אַ גאַנץ יאָר על כל צרה וצוקה שלא תבוא. און פונדעסטוועגן, זענען די חנוכה טעג אַנדערש, ווייל דעמאָלס קען מען בעטן אַפילו אויף אַ נס, און אויף אַ הנהגה וואָס איז העכער פון טבע.

פונדעסטוועגן, איז נישט שווער פון די מעשה וואָס האָט פאַסירט אין מסכת תענית וועגן רבא, וואו ס'איז משמע אַז עס איז אויף איהם נגזר געוואָרן אַן עונש ווייל ער האָט מטריח געווען כביכול כלפי מעלה, ווען ער האָט געבעטן אויף אַ נס שלא כדרך הטבע, ווייל דאָרט איז געווען אַנדערש, רבא האָט אַרויסגעזאָגט אין זיין תפילה אַז עס זאָל פּאַסירן אַ זאַך וואָס איז נישט בדרך הטבע, עס זאָל רעגענען אין די זומער-חדשים, און דאָס איז נישט כדאי צו טוהן. אָבער מ'מעג מתפלל זיין פאַר אַ קראַנקן אַז ער זאָל אויסגעהיילט ווערן, אפי' אויב לויט די מיינונג פון די דאָקטוירים, איז נישט פאַרהאַן פאַר איהם אַ רפואה בדרך הטבע.

**ענטפערט** הרה"ק בעל 'חידושי הרי"ם' זי"ע, לויט ווי דער מהר"ל שרייבט ('נר מצוה', ח"ב) **אַז** די צאָל זיבן ווייזט אויפ'ן דרך הטבע, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (משלי ט, א) 'חצבה עמודיה שבעה', און די גמרא זאָגט (סנהדרין לח.) אַז דאָס גייט אויף די זיבן טעג פון דער וואָך. דער אויבערשטער האָט באַשאַפן די וועלט אין די שבעת ימי הבנין, וואָס איז אונטער אַ הנהגה פון דרך הטבע. אַלעס וואָס איז העכער פון זיבן - אַכט - ווייזט אויף אַ הנהגה למעלה מדרך הטבע.

**דאָס** איז די כוונה פון חז"ל, 'יום ראשון מדליק שמונה', בלשון יחיד, אַ רמז אויף דעם אויבערשטען ברוך הוא, אַז ער אַליין צינדט אָן דעם מספר 'אַכט' אויף דער וועלט. דאָס הייסט, די הנהגה פון דעם אויבערשטען איז דעמאָלס העכער פון טבע. דאָס איז אויך די כוונה פון וואָרט 'והמהדרין', פון לשון 'הדרי בי' (איך צי צוריק פון דעם וואָס איך האָב פריער געהאַלטן), מ'זאָל אַריינעמען אין קאָפּ אַז עס איז דאָ אויף דער וועלט אַ הנהגה וואָס איז העכער פון טבע[לח]. אַזוי ווערט נשפע אויף דעם מענטש אַזאַ הנהגה, אויפ'ן גאַנצן יאָר[לט].

**אַלעס** וואָס מ'רעדט וועגן די ניסים פון חנוכה, חזר'ט זיך איבער יעדעס יאָר, ווייל מיר געפינען אין דער גמרא, אַז חנוכה איז דער לעצטער נס וואָס האָט פּאַסירט מיט אידן (וואָס מ'האָט באַשטימט דערפאַר אַ יום טוב, אַלס אַ זכר צו דעם נס - יומא כט.).

---

**לח.** מיר ווייסן טאַקע פון ניסים ונפלאות, וואָס האָבן פּאַסירט מיט אידן אויך 'בזמן הזה', און ס'איז כדאַי אַראָפּצובריינגען דאָ צוויי מעשיות (פון צווישן פילע), לויט ווי מיר האָבן געהערט בשעתו פון די בעלי העובדא:

אַ יונגערמאַן פון אונזער חבורה האָט דערציילט (שנת תשע"ט), אַז אין משך פון עטליכע וואָכן האָט זיין בני בית זיך נישט גוט געשפּירט ל"ע. די דאָקטוירים האָבן אויסגעדרוקט דעם חשש אַז זי ליידט פון די ביטערע מחלה רח"ל און זיי האָבן אַדורכגעפירט פאַרשידענע טעסטן און 'עקסרעיס'. אין טאָג פון כ"ד כסלו אינדערפרי (ערב חנוכה), האָבן די דאָקטוירים טאַקע געזאָגט אַז די טעסטן ווייזן אַז זי האָט אַ געוויקס רח"ל. זעלבסט-פאַרשטענדליך, אַז אין הויז פון דעם יונגערמאַן איז געווען 'חושך ואפילה', און דער מאַן האָט זיך געוואָנדן צו גרויסע עסקנים, זיי זאָלן איהם באַשטעלט אַן 'אַפּאָינטמענט' אויף אַ דרינגענדן אופן, ביי אַ גרויסן פּראָפעסאָר. ער האָט געבעטן מ'זאָל באַשטימען דעם אַפּאָינטמענט נאָך שקיעת החמה יענעם טאָג, כדי ער זאָל זוכה זיין צו המתקת הדינים מיט'ן כח פון די חנוכה-טעג. יענע נאַכט איז דער יונגערמאַן טאַקע געווען מיט איר ביי דעם גרויסן פּראָפעסאָר, וועלכער האָט נאָכ'ן איבערקוקן די בילער, געזאָגט, אַז די פריערדיגע דאָקטוירים האָבן געהאַט אַ טעות. ער זעהט נישט ביי איר אַפילו אַ זכר פון אַ געוויקס...

אַ צווייטע מעשה, האָט דערציילט איינער פון אונזער חבורה אין אלעד. זיין זון איז געלעגן אין אַ שווערן מצב אין שפּיטאָל נאָך אַ שווערן עקסידענט רח"ל אָנהייב חודש כסלו. ווען עס איז געוואָרן די נאַכט פון כ"ה כסלו, און דער אור פון חנוכה האָט אָנגעהויבן שיינען אויף דער וועלט, האָט פּאַסירט אַ גרויסער נס, און זיין זון האָט צום ערשטן מאָל זינט דעם עקסידענט, גערעדט כאחד האדם, ביז ער איז פולשטענדיג געזונט געוואָרן בעזהי"ת.

**לט.** אַזוי טייטשן די ספרים די ווערטער פון חז"ל (שבת כא:) 'לשנה האחרת קבעום בהלל והודאה'. לכאורה, דאַרף מען פאַרשטיין, פאַרוואָס האָבן חז"ל באַשטימט דעם יום טוב בהלל והודאה, ערשט אַ יאָר שפּעטער, נישט תיכף, אין יענעם יאָר?

איז דער תירוץ, ווייל אין דעם קומענדיגן יאָר האָבן די חכמים זיך מתבונן געווען און זיי האָבן געזעהן אַז דאָס פאַרגאַנגענע יאָר זינט דעם נס חנוכה, איז געווען אַ 'שנה אחרת' - דאָס גאַנצע יאָר האָט געהאַט גאַנץ אַן אַנדערע 'מציאות', נאָך דעם ווי מ'האָט געצונדן חנוכה-לעכט. וועגן דעם האָבן זיי ערשט אַ יאָר שפּעטער, באַשטימט דעם יום טוב חנוכה פאַר הלל והודאה לדורות.

לויט די ווערטער פון דעם מהר"ל ז"ל קען זיין פשט, "בני בינה", דער מענטש וואָס פאַרשטייט ווי אַזוי אויסצונוצן ריכטיג דעם יום טוב חנוכה, "ימי שמונה קבעו", שטעלט ער אַריין מיט אַ קביעות די הנהגה פון "נומער אַכט", למעלה מדרך הטבע.

עס האָט אונז דערציילט דער בעל העובדא, אַ איד וואָס וואוינט אין ענגלאַנד, די פאָלגענדע מעשה, וואָס בדידיה הוה עובדא: מער ווי פופציג יאָר צוריק, איז ביי איהם געבוירן געוואָרן אינמיטן זומער, אַ טאָכטער, וואָס די דאָקטוירים האָבן געזאָגט אַז זי האָט נישט קיין מאָגן און בדרך הטבע האָט זי נישט מער ווי בלויז געציילטע טעג

**זאָגט** דער 'שפת אמת' (חנוכה תרל"ז, ד"ה 'חנוכה') אַז דער גאַנצער תכלית און מטרה פון דעם נס איז צו שטאַרקן די אמונה אין אידישע הערצער, אַז דער אויבערשטער אַליין פירט די וועלט מיט אַ השגחה פרטית (ווייל דער אויבערשטער איז דאָך דער 'כל יכול', ער קען ראַטעווען די אידן פון זייערע פיינט, און דעמאָלס וועלן זיי אינגאַנצן נישט דאַרפן אָנקומען צו דעם נס, נאָר דעמאָלס וועט דער דאָזיגער יסוד געשטאַרקט ווערן אין די הערצער פון אידישע קינדער). פון צייט צו צייט, האָט דער אויבערשטער געמאַכט פאַר די אידן נאָך ניסים ונפלאות, נאָך דעם ווי זיי האָבן פאַרגעסן דעם לעצטן נס, כדי ווייטער צו שטאַרקן די אמונה אין השגחה פרטית, און צו אַנטפּלעקן דעם אויבערשטען'ס געטליכקייט אויף דער וועלט, אָבער דער נס פון חנוכה שיינט נאָך אַלץ פאַר אונז, און עס ווערט באַנייט יעדעס יאָר ממש אַזוי ווי אין די צייטן פון די חשמונאים, נאָר אין יעדן דור ווערן נתעורר די ניסים וואָס מיר דאַרפן האָבן, אין יענעם אָרט, און אין יענעם זמן. וועגן דעם, איז עס געווען דער לעצטער נס, און וועגן דעם ווערט עס אויך אָנגערופן 'חנוכה', פון לשון 'חינוך' און באַנייאונג, ווייל דער נס פון חנוכה ווערט באַנייט יעדעס יאָר[מ], עד ביאת הגואל במהרה בימינו אמן[מא].

---

צו לעבן, ה' ישמרנו. אַלעס וואָס מ'האָט איר געגעבן צו עסן, איז געווען "כבולעו כך פולטו", אַזוי ווי זי האָט עס אַראָפּגעשלינגען, האָט זי עס אויסגעבראָכן ל"ע.

האָט דער פאָטער פונעם קינד, וועלכער איז נאָך דעמאָלס געווען אַ יונגערמאַן, טעלעפאָנירט צו דעם איש קדוש ונורא הרה"ק רבי איציקל פשעוואָרסקער זי"ע, און מזכיר געווען דאָס קינד, און געפרעגט וואָס פאַר אַ נאָמען ער זאָל געבן פאַר'ן קינד, וועלנדיג געבן אַ נאָמען שוין אינמיטן די וואָך, ווייל די דאָקטוירים זאָגן דאָך אַז זי וועט נישט לאַנג לעבן רח"ל. האָט רבי איציקל איהם געזאָגט אויפ'ן טעלעפאָן:

- ביי אונז, האָט מען אַ נאָמען געגעבן שבת! מ'געט נישט ביי אונז אַ נאָמען אינמיטן די וואָך!

האָט דער יונגערמאַן געזאָגט, אַז די דאָקטוירים זאָגן אַז זי וועט ממילא נישט לעבן ביז שבת... וויל ער דעריבער "אַריינכאַפּן" צו געבן אַ נאָמען פאַר'ן קינד. זאָגט איהם רבי איציקל נאָך אַמאָל אין אַ שאַרפן טאָן:

- ביי אונז, גיט מען אַ נאָמען שבת!

זעלבסט-פאַרשטענדליך אַז דער יונגערמאַן האָט געפאָלגט, און ער האָט געוואַרט ביז שבת צו געבן דעם נאָמען פאַר'ן קינד. למעשה, איז אַדורכגעגאַנגען אַ טאָג, און נאָך אַ טאָג, און נאָך אַ טאָג, און דאָס קינד האָט געלעבט... עס האָט זיך געצויגן, און געצויגן... די דאָקטוירים האָבן נישט געהאַט די מינדעסטע אַנונג ווי אַזוי דאָס קינד לעבט.

דעם ערשטן טאָג חנוכה, רופט דער פראָפעסאָר אַריין דעם פאָטער פונעם קינד, און ער זאָגט איהם, "איך פאַרשטיי נישט וואָס דאָ קומט פאָר, אָבער איך זעה אויף די בילדער, אַז עס פאַנגט אָן צו וואַקסן אַ שטיקל 'עור' (הויט)...". אַלזאָ, ביז צוויי וואָכן, האָט דאָס קינד געהאַט אַ מאָגן! ויהי לפלא ולמופת.

דעם קומענדיגן ראש חודש ניסן, איז דער יונגערמאַן געפאָרן מיט זיין בני בית (זיי האָבן געהאַט אַזאַ קביעות, יעדעס יאָר ראש חודש ניסן) צו הרה"ק רבי איציקל, און ווען ער האָט דערלאַנגט דאָס קוויטל, האָט רבי איציקל איהם געפרעגט וואָס עס הערט זיך ביי זייער טאָכטער... דערנאָך זאָגט איהם רבי איציקל:

- ווען דו האָסט צו מיר טעלעפאָנירט פרעגן וועגן דעם נאָמען וואָס דו ווילסט געבן פאַר'ן קינד, און איך האָב דיך געהייסן וואַרטן ביז שבת, האָב איך 'אויסגעוואַרט' ביז'ן ערשטן טאָג חנוכה, ווען מיר זאָגן 'שעשה נסים'...

הערנדיג די פראַגע פון רבי איציקל, האָט זיין בני בית גע'חלש'ט אויפ'ן אָרט... ווייל זי האָט זיך דערמאַנט, אַז גענוי דעם ערשטן טאָג חנוכה האָט דער דאָקטאָר געזאָגט אַז ער הייבט אָן צו זעהן אויף די בילדער ווי עס וואַקסט אַ "הייטל"... דאָס קינד איז היינט שוין אַ פרוי פון עטליכע פופציג יאָר לאויש"ט.

אַוודאי פאַרשטייען מיר נישט ווי אַזוי דאָס אַרבעט, אָבער מיר שמועסן דאָך דאָ, אַז "נומער אַכט" איז אַ הנהגה למעלה מדרך הטבע, און דאָס איז די הנהגה וואָס מיר זעהען אין די חנוכה טעג.

**מ.** דער 'קדושת לוי' (קדושת ראשונה) שרייבט: 'לשנה האחרת קבעום בהלל והודאה'. אין ערשטן יאָר ווען עס זענען אַראָפּגעקומען די הארות פון חנוכה, האָט מען געמיינט אַז דאָס זענען אפשר נאָר הארות פאַר יענעם יאָר, אָבער דאָס קומענדיגע יאָר האָבן זיי געשפירט די גרויסע אורות וואָס קומען אַראָפּ לכבוד חנוכה. זיי האָבן איינגעזעהן אַז די הארות זענען אַראָפּגעקומען יעדעס יאָר, און וועגן דעם האָבן זיי באַשטימט דעם יום טוב לדורות.

**אַזוי** זאָגט כ"ק אדמו"ר מבלאָזוב זצ"ל (אין די הקדמה צום ספר 'צבי לצדיק') אויף דעם פסוק ביי די ברכות וואָס יצחק האָט געבענטשט יעקב (בראשית כז, כה-כז) 'ויגש לו ויאכל, ויבא לו יין וישת וגו', ויגש וישק לו'. פאַרוואָס חזר'ט איבער דער פסוק אַזוי פיל מאָל, דאָס וואָרט 'לו'?

**ענטפערט** דער בלאָזוב'ער רבי, די ברכות זענען דאָך נישט געזאָגט געוואָרן נאָר פאַר יעקב אַליין, נאָר דער אויבערשטער האָט משפיע געווען דעמאָלס אַ ברכה פאַר אידישע קינדער אין אַלע דורות, און דער מקור פון די ברכה ווערט נמשך דורך די 36 חנוכה-לעכט וואָס מיר צינדן יעדעס יאָר. צוליב דעם שטייט עטליכע מאָל דאָס וואָרט 'לו', מרמז צו זיין אויף די 36 חנוכה-לעכט, אַז מ'זאָל וויסן אַז מ'קען שעפּן ממעייני הישועה, פון די קוואַלן פון ישועות, פולע הויפנס, און ח"ו נישט שטיין און דער זייט ביי אַזעלכע גרויסע שעות[מב].

**דער** 'מחזור ויטרי' שרייבט (חנוכה, סדר התפילה וקריאת התורה), אַז חנוכה איז פון לשון 'חנינה'. דער אויבערשטער גיט דעמאָלס אַ חנינה פאַר אידישע קינדער.

**אויך** איז באַקאַנט וואָס עס שרייבט דער 'מאור עינים' (פ' מקץ, ד"ה 'זמן') אַז חנוכה איז מרומז אין פסוק אין פרשת מקץ (בראשית מג, כט) 'אלוקים יחנך בני'. די כוונה דערפון איז, אַז חנוכה איז דאָ אַ הנהגה לפנים משורת הדין, נישט לויט די מעשים פון די מענטשן.

**עס** ווערט געברענגט אין נאָמען פון הייליגן רוזינער זי"ע, אַז די שפע וואָס קומט אַראָפּ חנוכה, איז

---

**מא.** די גמרא פרעגט (שבת כא:) 'מאי חנוכה' וואָס איז חנוכה? און די גמרא ענטפערט, אַז אין דעם פינף און צוואַנציגסטן טאָג פון חודש כסלו פייערט מען דעם יום טוב חנוכה, אַלס זכר צו דעם נס ווען די יוונים זענען אַריינגעקומען אין היכל, און האָבן מטמא געווען אַלע אוילן וואָס האָבן זיך דאָרט געפונען, און ווען די חשמונאים האָבן מלחמה געהאַלטן מיט די יוונים און האָבן זיי באַזיגט, האָבן די חשמונאים געפונען נאָר איין קריגל אויל, וואָס איז געווען פאַרזיגלט מיט דעם זיגל פונעם כהן גדול, און עס איז דאָרט געווען גענוג אויל בלויז אויף איין טאָג. האָט פאַסירט אַ נס, און דאָס אויל האָט געברענגט גאַנצע אַכט טעג. דעם קומענדיגן יאָר, האָט מען געפּראַוועט אַ יום טוב בהלל והודאה.

זאָגט דער 'בן יהוידע' (שבת שם, ד"ה 'לשנה'), לכאורה, וואָס וואָס מיינט די גמרא צו פרעגן, 'מאי חנוכה'? ענטפערט ער, אַז חז"ל מיינען דאָ צו זאָגן, חנוכה איז דאָך פון לשון חינוך, באַנייאונג. אויב אַזוי, פאַרוואָס ווערט עס גערופן 'חנוכה', מיט אַ ה"א, וואָס איז לכאורה איבעריג? איז דער תירוץ, דער אות ה"א איז מרמז אויף אַ זאַך וואָס מערט זיך, ווי דער פסוק זאָגט (בראשית מז, כג) 'הא לכם זרע'. וויבאַלד חנוכה איז באַשטימט געוואָרן פאַר אַלע דורות בהלל והודאה, איז כאָטש דער נס האָט בפועל פאַסירט נאָר אין יענע טעג, האָבן די חכמים גע'פועל'ט מיט זייער קדושה, ממשיך צו זיין די אורות פון די ניסים אין די דאָזיגע טעג אויף אייביג, אין אַלע דורות. דעריבער ווערט דער יום טוב אָנגערופן 'חנוכה', מיט אַן איבעריגע ה"א, כדי מרמז צו זיין אויף די שפע פון ניסים, וואָס ווערן נתעורר יעדעס יאָר, מכח די ניסים וואָס האָבן דעמאָלס פאַסירט.

עס שטייט אין ספה"ק 'דברי חיים' (לחנוכה), אַז חז"ל האָבן מוסיף געווען דעם יום טוב חנוכה אויף די ימים טובים וואָס שטייען אַרויסגעשריבן אין דער תורה, כדי אידישע קינדער זאָלן האָבן אַ קיום און אַ מעמד אין גלות, און זיי זאָלן נישט חלילה פאַלן ביי זיך, ווייל אין די פריערדיגע דורות איז געווען גענוג פאַר אידן דער אור פון די דריי ימים טובים (שלש רגלים), אָבער פאַר היינטיגע צייטן, האָבן חז"ל מתקן געווען צוצולייגן נאָך ימים טובים, כדי אָפּצושטופּן די פינצטערניש, און וועגן דעם האָבן זיי באַשטימט דעם יום טוב חנוכה לדורות עולם.

**מב.** הרה"ק בעל 'לב שמחה' מגור זי"ע, איז אַמאָל חנוכה אַריינגעקומען אין בית המדרש, און ער האָט זיך אָנגערופן צום עולם (בקיצור, כדרכו בקודש): 'אוצרות דרייען זיך און וואַלגערן זיך, מ'דאַרף זעהן אַריינצוכאַפּן'...

מיר האָבן שוין מערערע מאָל נאָכגעזאָגט וואָס עס האָט געזאָגט דער סלאָנימער רבי, הרה"ק בעל 'בית אברהם' זי"ע, אין חודש תשרי, אַז מ'זאָל זיך נישט דרייען אַזוי ווי אַ נאַר אויפ'ן מאַרק... וואָס אנשטאט אויסצונוצן די טייערע צייט צו קויפן גוטע סחורה פאַר אַ ביליגן פרייז, און פאַרדינען אַסאַך געלט במשך דעם קומענדיגן יאָר, דרייט ער זיך אַרום און באַשעפטיגט זיך מיט נאַרישקייטן...

ענליך צו די שפע וואָס קומט אַראָפּ ראש השנה, נאָר ס'איז פאָרט דאָ אַ חילוק. די שפע וואָס ווערט פאַרשריבן אין ראש השנה, איז לויט די מעשים פון מענטש. עס ווענדט זיך אין זיין 'אתערותא דלתתא'. חנוכה, קומט אָבער די שפע בדרך מתנה, מיט אַ חנינה, אין דער בחינה פון 'אתערותא דלעילא'.

**אַזוי** זאָגט הרה"ק רבי משה'לע ראָזוואדוב'ער זי"ע, אויף די ווערטער פון חז"ל (עירובין יח:) אַז די טויב, האט געזאָגט צו דעם אויבערשטען, 'רבונו של עולם, יהיו מזונותי מרורין כזית ומסורין בידך, ואל יהיו מתוקין כדבש ותלויין ביד בשר ודם'. מיין שפייז זאָל אַפילו זיין ביטער אַזוי ווי אַן איילבירט, אָבער עס זאָל קומען פון דיינע הענט, און עס זאָל נישט זיין אַפילו זיס אַזוי ווי האָניג, אויב עס קומט פון די הענט פון אַ מענטש.

**זאָגט** דער ראָזוואדוב'ער רב, די גמרא זאָגט (ברכות נג:) אַז כנסת ישראל ווערט צוגעגליכן צו אַ טויב. דאָס זאָגט די 'טויב' צו דעם אויבערשטען: אידישע קינדער בעטן דעם באַשעפער ברוך הוא, ער זאָל באַשטימען זייער פרנסה ('מזונותי') אין די טעג פון דעם יום טוב חנוכה, ווען מיר צינדן לעכט מיט שמן זית ('כשמן'), ווייל דעמאָלס איז די פרנסה איבערגעגעבן אין די האַנט פון דעם אויבערשטען ('בידך'), דער מענטש באַקומט עס מיט אַ מתנת חינם. ממילא, וועט יעדער איינער זוכה זיין צו אַ שפע פון פרנסה. 'ואל יהיו מתוקין כדבש' - ראש השנה, ווען מ'טינקט איין דאָס עפל אין האָניג, ווייל דעמאָלס קומט עס אויף אַן אופן פון 'מסורין בידי בשר ודם' - מ'מעסט אין הימל די מעשים פונעם מענטש, 'ומי יצדק לפניך בדין'.

מעוז צור ישועתי - די גרויסע ישועות, ספּעציעל אין די צייט פון לעכט-צינדן

**עס** שטייט אין ספה"ק 'ייטב פנים' (לחנוכה, מאמר הוד והדר, אות ב') אַז דער שורש פון די מצוה פון הדלקת נר חנוכה איז, מעורר צו זיין ניסים ונפלאות אויך יעצט, 'בימים ההם בזמן הזה'.

**אויף** אַן אַנדער אָרט (אות כו) שרייבט דער 'ייטב פנים', 'זהו עיקר תשמישן, להיוושע בהם גם היום' - דער עיקר באַנוץ פון די חנוכה-לעכט, איז געהאָלפן צו ווערן אויך היינט.

**אַזוי** האָט אויך געזאָגט הרה"ק בעל 'חידושי הרי"ם' זי"ע (געברענגט אין 'שפת אמת', חנוכה תרל"א) אַ טעם פאַרוואָס די חכמים האָבן מתקן געווען צו זאָגן די ברכה 'שעשה נסים' ווען מ'זעהט די חנוכה לעכט (אויב מ'צינדט נישט), ווייל די הארה פון די ניסים ווערט נתעורר דורך די לעכט[מג].

**די** גמרא דערציילט (ע"ז יח.) אַז אַ שוועגערין פון דעם תנא רבי מאיר (אַ שוועסטער פון זיין פרוי), איז געווען איינגעשפּאַרט אין תפיסה און רבי מאיר איז געגאַנגען אונטערקויפן דעם וועכטער, ער זאָל איר באַפרייען פון תפיסה. ער האָט געזאָגט צום וועכטער, אַז אויב מ'וועט איהם כאַפּן, זאָל ער זאָגן די ווערטער 'אלקא דמאיר ענני', און ער וועט געראַטעוועט ווערן.

**פרעגט** דער מהרש"א (חידושי אגדות, יח:) ווי אַזוי האָט רבי מאיר געקענט מייחד זיין דעם אויבערשטען'ס נאָמען אויף זיך, זאָגנדיג 'אלקא דמאיר ענני', חז"ל זאָגן דאָך (ב"ר פצ"ד, ה) אַז דער אויבערשטער איז נישט מייחד זיין נאָמען אויף די צדיקים ביי זייער לעבן.

---

**מג.** דאָס איז אויך מרומז אינעם פסוק (תהלים קכד, ז) 'הפח נשבר ואנחנו נמלטנו', וואָס גייט אויף די חנוכה-לעכט. אויב מ'צעברעכט און מ'צעטיילט די גימטריא פון 'פח' (88), בלייבט איבער 44 - די צאָל לעכט וואָס מ'צינדט חנוכה (36 לעכט, און אַכט שמשים).

נאָך אַ רמז ווערט געברענגט אויף דער צאָל 88 וואָס איז מרומז אין דעם וואָרט 'פח', אַז פונקט אַזוי ווי אידישע קינדער צינדן חנוכה לעכט אויף דער וועלט, צינדט דער אויבערשטער כביכול אויבן אין הימל. צוזאַמען - 88 לעכט. [ענליכע ווערטער, שרייבט דער 'קדושת לוי' (דרושים לחנוכה, ד"ה 'בחנוכה'), און ער גיט צו, אַז די ראשי תיבות פון ל'הדליק נ'ר ח'נוכה איז בגימטריא 88].

על כל פנים, קומט אויס פון דעם אַז דורך די לעכט איז מען זוכה צו אַ הצלה, 'ואנחנו נמלטנו', מ'ווערט געראַטעוועט פון אַלע סאָרטן פורעניות'ן רח"ל אויף דער וועלט.

**ענטפערט** דער מהרש"א (אין צווייטן תירוץ), אַז מיט'ן זאָגן אלקא 'דמאיר', האָט רבי מאיר נישט געמיינט זיך אַליין, נאָר זיין כוונה איז געווען אויף דעם נס וואָס דער אויבערשטער האָט 'אַריינגעשיינט' ('דמאיר') אין אידישע קינדער אין די צייטן פון מלכות יון, ביי דעם נס פון חנוכה.

**קומט** אויס, אַז ווען מיר זענען מתפלל 'אלקא דמאיר ענני' (וואָס איז אַ באַקאַנטע סגולה שוין הונדערטער יאָרן), מיינען מיר דערמיט אויך מעורר צו זיין די ניסים פון די נרות חנוכה, אַז מיט זייער כח זאָלן מיר געהאָלפן ווערן אויך אין די אַנדערע טעג פונעם יאָר, און ממילא, קען מען אַליין פאַרשטיין ווי גרויס עס איז דער כח פון חנוכה, ממשיך צו זיין אַ ישועה אין די טעג פון דעם יום טוב זעלבסט.

**דער** גאון רבי חיים פאַלאַג'י זי"ע זאָגט ('רפואה וחיים', אות עא) אַז ווען מ'צינדט חנוכה לעכט ווערט אַן עת רצון אין הימל[מד], עס ווערט דעמאָלס בטל מדת הדין און עס ווערט נתעורר מדת הרחמים.

**ער** ברענגט פון זוהר הקדוש, אַז דאָס צינדן די לעכט אין דער מנורה אין בית המקדש, האָט מעורר געווען מדת הרחמים אויף דער וועלט, אַזוי ווי תקיעת שופר אין ראש השנה. ממילא, איז אויך בזמן הזה, די הדלקה פון די חנוכה לעכט (וואָס דער שורש דערפון איז פון די מנורה אין בית המקדש) מעורר רחמים און גרויסע חסדים, אַזוי ווי דער שופר אין ראש השנה, וואָס איז 'כלפנים דמי', און איז מעורר אין הימל אַסאַך רחמים און חסדים.

**אַזוי** שרייבט דער 'בעל הטורים' (פרשת תרומה), אַז אין דער גאַנצער פרשה פון מנורה אין דער תורה, איז נישט דאָ דער אות סמ"ך, ווייל 'במקום נר, אין שטן ואין מזיק' - דאָרט וואו מ'צינדט לעכט, איז נישטאָ דער שטן און מזיק ח"ו.

**קומט** אויס פון די ווערטער פונעם 'בעל הטורים', אַז אויב די חנוכה-לעכט זענען אַ 'מעין', ענליך צו די לעכט וואָס דער כהן האָט געצונדן אין בית המקדש, איז אויך אין חנוכה, ווען מ'צינדט די לעכטלעך, 'אין שטן ואין מזיק'[מה], אמן.

**אויף** דעם פסוק (תהלים קיח, א) 'מן המיצר קראתי י-ה ענני במרחב י-ה', האָבן צדיקים געזאָגט אַ רמז, דאָס וואָרט 'מרחב' באַטרעפט די צאָל 250, אַזוי ווי דאָס וואָרט 'נר'. דאָס איז אַ רמז אַז ווען מ'צינדט אָן די חנוכה לעכט, גייט מען אַרויס פון אַלע ענגשאַפטן ('מן המיצר'), און מ'איז זוכה צו אַ גרויסע הרחבה ('במרחב').

**דער** טשאָרטקובער רבי, הרה"ק רבי ישראל זי"ע, זאָגט (אין זיין ספר 'ישמח ישראל,' חנוכה תרצ"א, ד"ה 'בחכמה'), אויף די ווערטער 'בחכמה פותח שערים', שמן זית איז מרמז אויף חכמה (זוה"ק ח"ג, לד.). איז דאָ מרומז, 'בחכמה' - ווען מ'צינדט די חנוכה לעכט מיט אויל פון איילבירטן, 'פותח שערים' - עפענט מען אין הימל אַלע טויערן, און עס ווערט נשפע אַסאַך שפע אויף אידישע קינדער[מו].

**הרה"ק** בעל "חידושי הרי"ם" זי"ע זאָגט (מובא בס' "שפת אמת", חנוכה תרל"א, דיבור הראשון) אַ טעם פאַרוואָס

---

**מד.** דער 'בני ישכר' שרייבט, אַז כאָטש געווענליך זענען די טויערן פון גן עדן פאַרמאַכט אין די שעה'ן פון דער נאַכט, אָבער פון די ווערטער פון הרה"ק רבי פנחס'ל קאָריצער זי"ע ('מדרש פינחס', א) איז משמע, אַז ווען מ'צינדט חנוכה לעכט, זענען די טויערן פון גן עדן אָפען, אויך ביינאַכט.

**מה.** עס ווערט געברענגט אין ספר 'שיח הפרשה' (להגה"ח רבי חיים יצחק שווירץ ז"ל מחסידי גער), אַז אין הויז פו זיין זיידן, הרה"צ רבי שלמה'לע אַלטער זצ"ל (אַ יונגערער ברודער פון הרה"ק בעל 'שפת אמת' זי"ע) איז געווען איינגעפירט, אַז יעדעס מאָל ווען מ'האָט זיך גענויטיגט אין אַ ישועה, האָט מען אָנגעצונדן לעכט. צום ביישפיל, ווען עס איז געווען אַ חולה ל"ע אָדער אַ יולדת, און אַפילו ווען עס איז געווען אַ שווערער וועטער, האָט מען אָנגעצונדן אַ לעכט פאַר אַ ישועה. ווי עס ווייזט אויס, האָט ער דאָס צוגעזעהן אין הויז פון זיין זיידן (הרה"ק בעל 'חידושי הרי"ם' זי"ע, ביי וועמען ער איז אויפגעצויגן געוואָרן יונגערהייט). רבי שלמה'לע האָט נישט געזאָגט אַ טעם פאַרוואָס ער פירט זיך אַזוי, אָבער לויט די ווערטער פונעם 'בעל הטורים', איז עס פאַרשטענדליך, אַז דורך אָנצינדן לעכט שטופּט מען אַוועק און עס ווערן בטל אַלע קליפּות און משטינים.

**מו.** דער גערער רבי, הרה"ק בעל 'בית ישראל' זי"ע, האָט געזאָגט, עס איז באַקאַנט אַז די סימנים אין טור און שולחן ערוך, און אַזוי אויך אין די אַנדערע ספרי המצוות, האָבן אַ רמז און אַ קשר מיט די עצם מצוה וועגן

מ'מאַכט די ברכה "שעשה נסים", נאָר ביים צינדן די לעכט, און נישט אַזוי ווי "שהחיינו" וואָס על פי הלכה קען מען אויך זאָגן ווי און ווען מען דערמאָנט זיך (עירובין מ:), ווייל די ניסים ווערן נתעורר בשעת מען צינדט די לעכט, און דעריבער קען מען עס זאָגן נאָר ביים צינדן די חנוכה-לעכט.

**עס** ווערט געברענגט אין ספר "אמונת משה" (חנוכה, אות מט) אין נאָמען פון זיין פעטער, הרה"ק בעל "ישמח ישראל" זי"ע פון אלכסנדר, אַז דער מענטש וואָס האָט אויגן צו זעהן, איז זוכה צו זעהן דעם שם הוי' ב"ה אין די חנוכה-לעכט.

**אוודאי** האָבן פשוט'ע מענטשן ווי מיר זענען, נישט קיין השגה אין אַזעלכע געהויבענע זאַכן, אָבער ווען מ'צינדט די לעכט, דאַרף מען כאָטש וויסן וואָס מ'טוט, און צו וואָס מ'איז זוכה דורכ'ן צינדן די הייליגע חנוכה-לעכט[מז].

---

וועלכע זיי רעדן (זעה 'אגרא דכלה', פ' נשא, על מצוות וידוי, ועוד). די הלכות פון חנוכה, שטייען אין שולחן ערוך אורח חיים פון סימן תר"ע און ווייטער. תר"ע איז מרמז אויף 'תרעא' - אַ טויער אויף דער אַראַמישער שפּראַך. איז דער רמז אין דעם, אַז ווען מ'צינדט חנוכה-לעכט, ווערן געעפענט אַלע טויערן פון ברכה און הצלחה. און אויב די גמרא זאָגט (ב"ק פ:) אַז אַ טיר וואָס ווערט פאַרמאַכט, ווערט נישט אַזוי שנעל צוריק געעפענט, איז דאָך אַ קל וחומר, 'מדה טובה מרובה', אַז אויב מיר האָבן זוכה געווען צו אָפענע טויערן, ווערן זיי נישט אַזוי שנעל פאַרמאַכט, און ממילא, קען מען דעמאָלס זוכה זיין צו אַלע סאָרטן ישועות העכער פון דרך הטבע.

אַמאָל האָט דער 'בית ישראל' טאַקע דערציילט, אַז אַ געוויסער צאַנזער אייניקל, האָט געליטן פון אָרימקייט ל"ע, און בלית ברירה איז ער אַרומגעגאַנגען נאָך געלט איבער די טירן פון נדיבי עם. איינמאָל האָט אַן עושר איהם געזאָגט, אַז ער וויל איהם פרעגן אַ קשיא וואָס איז איהם שווער, און אויב ער וועט עס איהם קענען פאַרענטפערן, וועט ער איהם געבן אַ שיינעם סכום, 'בעין יפה'. זיין שאלה איז געווען, די גמרא זאָגט (שבת קנא:), רב יוסף האָט געזאָגט, אַ תלמיד חכם ליידט נישט פון אָרימקייט, און אויך אויב מ'זעהט אַמאָל אַ תלמיד חכם וואָס איז אָרים ל"ע, אָבער איבער די טירן, דאַרף ער נישט אַרומגיין. און דער גביר האָט אויסגעפירט זיין שאלה: ווי אַזוי איז מעגליך אַז דו, אַ תלמיד חכם און בנן של קדושים, אַ 'צאַנזער אייניקל', דאַרף אַרומגיין איבער די הייזער נאָך געלט, לויט די מסקנא פון די גמרא, געפינען מיר דאָך נישט אַ תלמיד חכם וואָס דאַרף זיין אַ 'מחזר על הפתחים' - אַרומגיין איבער די הייזער נאָך געלט?

האָט דער צאַנזער אייניקל געענטפערט דעם עושר, אַז ער טייטשט נישט ריכטיג אויס די ווערטער פון די גמרא. די כוונה דערפון איז, אַ תלמיד חכם ווערט נישט אָרים, און אויב דו זעהסט אַז זיין הויז איז ליידיג און ער פאַרמאָגט נישט אַפילו אַ פרוטה, איז עס דערפאַר, ווייל 'אהדורי אפיתחא לא מיהדר' - ער טוט נישט דעם חיוב השתדלות וואָס ליגט אויף איהם, אַרומצוגיין איבער די הייזער... אויב ער וואָלט געגאַנגען נאָך געלט, וואָלטן מענטשן אַוודאי רחמנות געהאַט אויף איהם און זיי וואָלטן איהם געגעבן שיינע נדבות, אַזוי ווי ער פאַרדינט, זייענדיג אַ 'בר אוריין' און 'בר אבהן'.

דער 'בית ישראל' האָט צוגעגעבן, אַז דערמיט מיינט מען נישט נאָר די 'טויערן' פון רייכע לייט דאָ אויף דער וועלט, נאָר אויף די 'טויערן' אין הימל, אַז דער מענטש וואָס קלאַפּט נישט אָן אויף די טויערן פון הימל צו בעטן רחמים אין אַ צייט ווען אַלע טויערן אין הימל זענען אָפען פאַר די תפילות און תחנונים פון אידישע קינדער, אַזאַ איינער פאַרבלייבט אָרים.

דאָס איז געזאָגט געוואָרן אויף אַלע ענינים, סיי בגשמיות, און סיי ברוחניות. מ'טאָר נישט זיין ווי אַ נאַר וואָס פאַרפאַסט דעם שעת הכושר, ווען די טויערן פון הימל זענען אָפען און ער בלייבט טרוד מיט זיינע געשעפטן און נאַרישקייטן.

לענינינו קען מען זאָגן, אַז אין די טעג פון חנוכה, דער וואָס קוקט נאָר אויף דעם 'דריידל' און די 'פּאָנטשקעס' ('דאָונאַטס'...), וואָס מ'געניסט דערפון אין חנוכה, און ער קלאַפּט נישט אויף די טויערן פון רחמים וואָס זענען ברייט אָפען אין די יעצטיגע טעג, וועט ער חלילה פאַרבלייבן אין דעם זעלבן מצב אַזוי ווי פריער, והמבין יבין.

**מז.** אין צאַנז און אין שינאָווע, איז געווען איינגעפירט צו וואַרפן האַנטוכער אויף דעם שמש וואָס צינדט די חנוכה-לעכט אין שול (מ'פלעגט אַמאָל אויך הייסן מענטשן וואָס האָבן זיך גענויטיגט אין אַ ישועה, זיי זאָלן פּרובירן צו זיין פון די וואָס

**אין** זכות פון די חנוכה-לעכט, איז מען זוכה צו אַלע סאָרטן ישועות, בבני חיי ומזוני רויחי.

'**בני**' - ווי חז"ל זאָגן (שבת כג:) 'הרגיל בנר, הויין ליה בנים תלמידי חכמים', דער וואָס איז געוואוינט צו צינדן לעכט (פון שבת און פון חנוכה - רש"י), איז זוכה צו קינדער תלמידי חכמים[מח].

**אויך** זאָגן די ספרים אַ רמז אין פסוק (תהלים קיט, ט) 'במה יזכה נער את ארחו לשמור כדבריך'. 'ארחו' איז די אותיות 'אור ח'' דורך די מצוה פון אַכט חנוכה לעכט, קען מען פועל'ן אַז מ'זאָל זוכה זיין צו 'נער' - קינדער וואָס זענען מקיים, 'לשמור כדבריך' - בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצוות[מט].

'**חיי**' - דער פסוק זאָגט (משלי טז, טו) 'באור פני מלך חיים'. דורך דעם אור פון די לעכט, איז מען זוכה צו חיים טובים ואורים.

**הרה"ק** בעל 'חידושי הרי"ם' זי"ע האָט געזאָגט (געברענגט אין 'שיח שרפי קודש', ח"ב אות קנט) אַז די חנוכה טעג זענען מסוגל צו אריכות ימים ושנים, ווייל חז"ל (שבת כא:) האָבן דאָך באַשטימט דעם יום טוב חנוכה אויף הלל והודאה, וואָס לויבן דעם אויבערשטען, קען

---

צינדן די לעכט אין בית המדרש, און אַזוי האָבן זיי זוכה געווען צו גרויסע וואונדערליכע ישועות). אַזוי האָט זיך אויך געפירט הרה"ק רבי איציקל פשעוואָרסקער זי"ע.

אַמאָל האָט הרה"ק רבי איציקל געזאָגט אַז קיינער זאָל נישט וואַגן צו וואַרפן האַנטוכער, אָבער ווען ס'איז געקומען צום צינדן, און קיינער האָט נישט געוואָפן האַנטוכער, האָט ער אַליין גענומען אַ האַנטוך, און געוואָרפן אויף דעם וואָס האָט געצונדן די לעכט.

אַוודאי האָבן מיר נישט די מינדעסטע השגה אין די געהויבענע ענינים וואָס ליגן אין דעם, אָבער חסידים האָבן געזאָגט אַ טעם, אַז די צייט פון צינדן די לעכט איז גאָר געהויבן, און צוליב דעם, וויל דער שטן - דער יצר הרע - שטערן דעם מענטש ביים טוהן די מצוה, און דערפאַר וואַרפט מען האַנטוכער, כדי צו פאַרדרייען דעם שטן אַז ער זאָל נישט מבלבל זיין אידישע קינדער ביי די הייליגע עבודה פון הדלקת נרות חנוכה.

פון דעם זעהען מיר די הייליגקייט פון דעם זמן וואָס מ'צינדט די לעכט, אַז מ'האָט זיך געדאַרפט באַנוצן מיט פאַרשידענע תחבולות כדי צו פאַרטרייבן די קליפה אַ עס זאָל נישט שטערן די עבודה פון חנוכה-לעכט צינדן.

**מח.** ס'איז אויך מרומז אין דעם לשון פון דער גמרא (שבת כא:) 'מצות חנוכה, נר איש וביתו' - דאָס הייסט, די מצוה פון חנוכה איז מסוגל עס זאָל זיין 'איש וביתו' - יעדער איד זאָל האָבן בני בית...

**מט.** הרה"ק מהרי"ד מבעלזא זי"ע האָט געזאָגט אויף זיך, אַז עס איז נישט אַדורכגעגאַנגען ביי איהם אַ "שמונה עשרה" וואָס זיין אויג איז געבליבן טרוקן, ווייל ער האָט שטענדיג מתפלל געווען "אויף מיין אהר'לע", אַז ער זאָל וואַקסן גרויס אין תורה און יראת שמים, דאָס איז דער בעלזער רב הרה"ק מהר"א זי"ע. אויב דער טאַטע, דער פריערדיגער בעלזער רב, האָט געדאַרפט פאַרגיסן טרערן אַז זיין זון, דער צדיק יסוד עולם, וואָס איז געווען אַ קדוש מרחם אמו, זאָל אויסוואַקסן גרויס אין תורה און יראת שמים, איז דאָך אַוודאי געוויס, כל שכן וקל וחומר, בן בנו של קל וחומר, אַז אַזעלכע פשוט'ע מענטשן ווי מיר זענען, דאַרפן מתפלל זיין אַז מיר זאָלן זוכה זיין צו בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצוות בשמחה ובחדוה.

דער בעלזער רב הרה"ק מהרי"ד זי"ע, פלעגט טאַקע שטענדיגן זאָגן, אַז "ווי אַזוי קען מען זוכה זיין צו ערליכע קינדער, אויב עס גייט אַריבער אַ 'שמונה עשרה' אָן פאַרלאָזן טרערן...".

הרה"ק מהר"א מבעלזא זי"ע אַליין פלעגט אויך זאָגן, אַז דערפאַר האָבן די אנשי כנסת הגדולה נישט מתקן געווען אַ ספּעציעלע תפילה אויף די הצלחה פון די קינדער, ווייל צוליב די וויכטיגקייט פון די בקשה, האָבן זיי חושש געווען אַז די מקטרגים וועלן זיך אָנכאַפּן ח"ו דערין און זיי וועלן נישט צולאָזן אַז אַזאַ חשוב'ע תפלה זאָל אַרויפגיין אין הימל. וועגן דעם האָבן זיי דאָס מרמז געווען אין די ברכה פון "מודים": "לדור ודור נודה לך ונספר תהלתך". דעמאָלטס קען דער מענטש מכוון זיין אויף די הצלחה פון זיינע קינדער אין אַלע דורות, אַז זיי זאָלן גיין אויפ'ן וועג פון די תורה.

די תפילה פון די עלטערן פועל'ט פאַר די קינדער, ווי דער "ספורנו" זאָגט (בראשית לב, א) אויפ'ן פסוק "וישכם לבן בבוקר וינשק לבניו ולבנותיו ויברך אתהם". די גמרא זאָגט (ברכות ז.) "אל תהי ברכת הדיוט קלה בעיניך", די ברכה פון אַ פשוט'ן מענטש טאָר נישט זיין לייכט אין דיינע אויגן. די תורה דערציילט דעריבער וועגן לבן'ס ברכה פאַר

דאָך נאָר איינער וואָס לעבט, ווי דער פסוק זאָגט (תהלים קטו, יז) 'לא המתים יהללו י-ה'. קומט אויס, אַז דער מענטש וואָס לויבט יאָ דעם אויבערשטען, איז זוכה צו אורך ימים ושנות חיים.

**אויך** איז עס מרומז אין די ווערטער פון חז"ל (שבת כב.) שתהא נר חנוכה משמאל, ומזוזה בימין. זעהט מען פון דעם, אַז חנוכה האָט אַ שייכות מיט מזוזה. ביי מזוזה זאָגט דער פסוק (דברים יא, כא) 'למען ירבו ימיכם וימי בניכם', אַז אין זכות פון מצוות מזוזה איז מען זוכה צו אריכות ימים ושנים, ממילא, איז אויך דער זכות פון מצות נר חנוכה גורם אריכות ימים ושנים, אמן.

**הרה"ק** רבי משה קאָברינער זי"ע האָט געזאָגט ('תורת אבות', פ' וישב) אַז די חנוכה-לעכט ברענגען אַ רפואה אויף די וועלט. די ספרים זאָגן אַ רמז אויף דעם, אין די ווערטער וואָס מיר זאָגן ביים דאַווענען ('יקום פורקן', יום שב"ק) 'בריות גופא ונהורא מעליא' מ'איז זוכה צו בריאות הגוף, אין זכות פון 'נהורא מעליא' - די הייליגע לעכט פון חנוכה.

**אויך** זענען די ווערטער 'להדליק נר חנוכה' בגימטריא 518, אַזוי ווי די ווערטער 'מלך רופא נאמן'[ג].

**מזוני רויחי** - הרה"ק בעל 'חידושי הרי"ם' זי"ע זאָגט (געברענגט אין ספר 'שפתי צדיק', חנוכה, אות ג) אַ רמז אויף דעם פסוק (משלי ג, טז) 'אורך ימים בימינה, בשמאלה

---

זיינע טעכטער, צו ווייזן אַז די ברכה וואָס אַ טאַטע בענטשט זיינע קינדער מיט'ן גאַנצן האַרץ, איז אַוודאי ראוי עס זאָל מער חל זיין, "בסגולת צלם אלקים המברך", מיט די סגולה פונעם "צלם אלקים" פון דעם מענטש וואָס גיט די ברכה, ווי דער פסוק זאָגט (בראשית כז, ד) "בעבור תברכך נפשי", און אויב די ברכות פון לבן הארמי האָבן געהאָלפן פאַר זיינע טעכטער, איז דאָך אַוודאי אַז די תפילה פון יעדן איד פועל'ט אַלע גוטע השפעות.

דער גאון בעל "חזון איש" זצ"ל האָט געזאָגט, אַז מ'זעהט אַמאָל אַן ערליכע פרוי איז מתפלל ביי די שבת-לעכט אַז אירע קינדער זאָלן זיך פירן ערליך, און ווען זי זעהט אַז די תפלות האָבן נישט געהאָלפן, ווערט זי טרויעריג. דער אמת איז אָבער, אַז זי טאָר נישט אַריינפאַלן אין יאוש ח"ו, נאָר זי זאָל ווייטער מתפלל זיין און האָפען צום אויבערשטען, ווייל דאָס וואָס מ'זעהט אַ סאַך מאָל ביי בחורים און יונגלעך אַז זיי ווערן פלוצלינג נתעורר צו עבודת ה' און אַן אמת'ן רצון צו ווערן גוט, איז צוליב די תפילות וואָס אַ באָבע פון דעם יונגען בחור האָט פאַרגאָסן אַ סאַך יאָרן פריער, נאָר די תפילה איז נישט אָנגעקומען צו איר אָרט ביז יעצט, און דאָס האָט יעצט גורם געווען אַז איר אייניקל זאָל אויסוויילן דעם ערליכן וועג.

ענדליך האָט געזאָגט אא"ז הרה"ק רבי משה מרדכי מלעלוב זי"ע, "די טרערן פון די באָבעס פועל'ן אַז זייערע קינדער זאָלן זוכה זיין צו חשק התורה".

**ג.** הרה"ק בעל 'מנחת אלעזר' זי"ע, שרייבט אין זיין ספר 'שער יששכר' ('ימי אורה', אות יד), אַז די טעג פון חנוכה זענען מסוגל פאַר רפואה, ווייבאַלד זיי זענען פון די מדה פון 'הוד', און עס שטייט אין סידור אריז"ל אַז 'בורא רפואות' איז די בחינה פון 'הוד', עיי"ש. ממילא, קען מען פועל'ן רפואות און ישועות אין די טעג פון חנוכה.

אַנדערע ספרים זאָגן אַ רמז, אין די ווערטער פון חז"ל (ב"ק פה.) 'מכאן שניתן רשות לרופא לרפאות' - דורך די סעודות רשות וואָס מ'עסט אין חנוכה מיט שירות והודאות, איז מען זוכה צו רפואות ברוחניות ובגשמיות.

עס האָט דערציילט דער בעל העובדא, אַ איד פון דעם ישוב קוממיות, אַז אַ געוויסן טאָג ווען ער איז אויפגעשטאַנען פון שלאָף, האָט ער באַמערקט אַז זיין ראייה איז נישט קלאָר, ער זעהט אַלעס אויף אַ פאַרנעפּלטן אופן ל"ע. ער איז געגאַנגען צו פראָפעסאָרן, אָבער נאָך מערערע טעסטן האָבן אַלע אויפגעהויבן די הענט אין יאוש, ווייל בדרך הטבע, איז נישט געווען פאַר איהם אַ רפואה.

ווען עס איז געקומען די טעג פון חנוכה, ביים צינדן די חנוכה לעכט, האָט דער איד זיך אויסגעגאָסן דאָס האַרץ פאַר דעם באַשעפער ער זאָל איהם אויסהיילן מיט די גאַנצע רפואה בתוך שאר חולי ישראל, און ער זאָל זוכה זיין צו זעהן כאחד האדם. במשך פון דער גאַנצער צייט פון זיין תפילה, האָט ער נישט אַראָפּגענומען זיינע אויגן פון די הייליגע חנוכה לעכט. זיין תפילה איז טאַקע אָנגענומען געוואָרן אין הימל, און ער האָט צוריק אָנגעהויבן זעהן בעסער און בעסער, ביז ער איז אינגאַנצן אויסגעהיילט געוואָרן, צו די שטוינונג פון די גרויסע פראָפעסאָרן וואָס האָבן איהם שוין 'אָפּגעזאָגט', רח"ל.

עושר וכבוד'. 'שמאל' איז מרמז אויף די חנוכה לעכט, וואָס מ'צינדט אויף די לינקע זייט פון די טיר [אַזוי ווי די גמרא זאָגט (שבת כב.) 'מזוזה בימין, ונר חנוכה בשמאל']. דעמאָלס ווערט נשפע אַסאַך רייכטום און כבוד פון הימל[נא].

**נאָך** אַ מקור פאַר דעם ענין אַז די חנוכה-לעכט זענען משפיע פרנסה מיט אַ גרויסע השפעה, ווייל די גמרא זאָגט (ביצה לב:) 'המצפה לשולחן אחרים, עולם חשוך בעדו'. דער מענטש וואָס קוקט אַרויס צו עסן ביים טיש פון אַנדערע מענטשן, איז זיין וועלט פינצטער ל"ע. קומט אויס, אַז כדי עס זאָל שיינען די לעכטיגקייט פאַר דעם מענטש, דאַרף מען איהם געבן מזונות בריווח, כדי ער זאָל נישט דאַרפן אָנקומען צו אַנדערע מענטשן. ממילא, מוז ער על כרחך זוכה זיין צו עשירות, ער זאָל נישט דאַרפן אָנקומען צו מענטשן.

**ספּעציעל** ווערט נמשך פון הימל חן און חסד אויף דעם מענטש, דורך דעם וואָס ער קוקט אויף די חנוכה לעכט, ווי עס שטייט אין ספה"ק 'ייטב פנים' (לחנוכה, מאמר 'הוד והדר', אות י) אַז עס איז אַ מנהג ישראל תורה, 'לישב אחר הדלקה, ולשים עין באור הנרות' - צו זיצן נאָכ'ן צינדן און זיך מתבונן זיין דורך קוקן אויף די חנוכה לעכט, כדי ממשיך צו זיין די זעלבע ניסים ונפלאות[נב] ווי דעמאָלס, דורך קוקן אויף די לעכט[נג].

---

דער אמת איז, אַז ס'איז בכלל נישט קיין וואונדער, ווייל די טעג זענען דאָך טעג פון ניסים ווען די גאַנצע הנהגה פון די בריאה איז העכער פון דרך הטבע, און ממילא קען מען לייכט אויס'פועל'ן רפואות און וואונדערליכע ישועות.

**נא.** ער שרייבט דאָרט, אַז צוליב דעם רופט מען דאָס געלט וואָס מ'טיילט אין חנוכה, מיט'ן נאָמען 'חנוכה געלט', ווייל חנוכה איז די צייט ווען עס ווערט נשפע עשירות אויפ'ן מענטש.

דער ווזשניצער רבי, הרה"ק בעל 'אהבת ישראל' זי"ע, זאָגט ('אהבת ישראל', ליקוטים) אויף די ווערטער פון די גמרא (שבת קנא:) אַז אַ תלמיד חכם ווערט נישט אָרים ח"ו. פרעגט די גמרא, מ'זעהט דאָך אַז ס'זענען דאָ תלמידי חכמים וואָס ליידן יאָ פון אָרימקייט? ענטפערט די גמרא, אפילו אויב זיי זענען אָרים, גייען זיי נישט אַרום אויף די טירן בעטן נדבות.

זאָגט דער 'אהבת ישראל', אויב ער איז אָרים איז עס אַ סימן אַז ער האָט נישט מהדר געווען מקיים צו זיין ריכטיג די מצוה פון צינדן חנוכה-לעכט, וואָס מ'דאַרף צינדן ביי די טיר פון הויז ('אפיתחא'), ביי די לינקע זייט, וואָס איז מרמז אויף עשירות ('בשמאלה עושר וכבוד').

**נב.** הרה"ק בעל 'דברי חיים' זי"ע האָט געזאָגט, מיר זאָגן ביי די חנוכה-לעכט, 'ואין לנו רשות להשתמש בהם, אלא לראותם בלבד'. איז משמע פון דעם, אַז אויך 'לראותם' איז אַ סאָרט השתמשות (און נאָר אַזאַ סאָרט זיך באַנוצן, מעג מען טוהן ביי די חנוכה-לעכט), אַזוי ווי אַ דאָקטאָר וואָס קוקט אַריין אין די אויגן פון זיין פּאַציענט, און אַזוי קען ער פאַרשטיין זיין געזונט-צושטאַנד. דורך אַריינקוקן אין זיינע אויגן, ווייסט ער אויך וועלכע רפואה דער פּאַציענט דאַרף האָבן. אַזוי אויך דורך 'אַריינקוקן' אין די 'אויגן' פון די חנוכה לעכט, איז מען זוכה צו רפואת הנפש, ווען מ'שעפּט אַריין אין זיך די קדושה פון די לעכט.

דער טשאָרטקוב'ער רבי, הרה"ק רבי דוד משה זי"ע, האָט דערציילט (געברענגט אין ספר 'בינת ישראל', לחנוכה, ד"ה 'שמעתי'), אַז מ'האָט אַמאָל מזכיר געווען פאַר דעם הייליגן אַפּטער רב, בעל 'אוהב ישראל' זי"ע, אַ איד וואָס איז ליידער אַריינגעפאַלן אין עצבות און מרה שחורה רח"ל. האָט דער אַפּטער רב געזאָגט, ער זאָל אַריינקוקן אין די חנוכה-לעכט. דער איד האָט אַזוי געטוהן, און ער איז טאַקע געהאָלפן געוואָרן מיט אַ ישועה.

עס שטייט אין ספה"ק 'בית אברהם' (חנוכה, נר ד, ד"ה 'רק בעיניך תביט') אַז 'אלא לראותם בלבד', גייט אַרויף אויף הסתכלויות אסורות, ווען מ'קוקט אויף פלעצער וואו מ'טאָר נישט קוקן. די דאָזיגע הסתכלות'ן האָבן אַ תיקון ביי די נרות חנוכה.

דער 'נתיבות שלום' (חנוכה, ע' פה) באַהאַנדלט דעם ענין אויף אַ ברייטערן אופן. ער שרייבט, אַז דאָס איז מרומז אין דעם פסוק (תהלים ל, ו) 'כי רגע באפו'. דאָס וואָרט 'באפו' איז בגימטריא 89, אַזוי ווי דאָס וואָרט 'חנוכה'. עס איז אַ שווערע עבודה פאַר אַ איד מתקן צו זיין אַלע זיינע פגמים, אָבער חנוכה איז בכח משפיע צו זיין אַז ווען מ'קוקט אויף די חנוכה לעכט ('רק בעיניך תביט'), איז מען זוכה מתקן צו זיין אַלעס אין איין רגע ('כי רגע'). 'רק בעיניך תביט ושלומת רשעים תראה' (תהלים צא, ח). ווען דער מענטש קוקט נאָר מיט זיינע אויגן, איז ער באַלד מתקן אַלע

**דאָס** וויכטיגסטע צו וועלכע די חנוכה טעג זענען מסוגל, איז אָבער די גאולה שלימה במהרה, ווי דוד המלך ע"ה, דער "מלכא משיחא", האָט געבעטן (תהלים קלב, יז), "ערכתי נר למשיחי". דורך "עריכת נר", דאָס אָנריכטן די חנוכה לעכט, איז מען זוכה "למשיחי" - צו ביאת משיח צדקינו במהרה, אמן.

**באמת** דרש'ענען דאָך די חז"ל (איכ"ר פ"ה, כא) אויפ'ן פסוק (איכה ה, כא) "השיבנו ה' אליך ונשובה", אַז די אידן זאָגן צו דעם אויבערשטען, "השיבנו", ער זאָל אונז צוערשט אומקערן צו זיך, אָבער דער אויבערשטער זאָגט צו אונז (מלאכי ג, ז) "שובו אלי ואשובה אליכם נאם ה'". צוערשט זאָלט איר זיך אומקערן צו מיר, און דאַן וועל איך זיך אומקערן צו ענק, ווייל אַלעס ווענדט זיך אין די אידן, אַז זיי זאָלן ערשט תשובה טוהן.

די חז"ל דערציילן אונז (ברכות י.) אַז ווען ישעיה הנביא האָט געדאַרפט זאָגן נביאות פאַר חזקיהו מלך יהודה, האָט אויסגעבראָכן אַ וויכוח צווישן זיי, ווער עס דאַרף גיין צו וועמען. ישעיה הנביא האָט געזאָגט, אַז חזקיהו דאַרף קומען צו איהם, און חזקיהו המלך האָט געהאַלטן פאַרקערט, אַז ישעיה דאַרף קומען צו איהם. האָט דער אויבערשטער צוגעפירט אַז חזקיהו איז געוואָרן נישט געזונט און ישעיה איז געקומען צו איהם אויף אַ ביקור חולים, און דאַן האָט ער איהם איבערגעגעבן זיין נבואה.

**לויט** דעם שרייבט דער מהר"ל (ספר "נצח ישראל", סוף פרק י') אַז די אידן אין גלות זענען דאָך קראַנק און פאַרוויסטאָגט פון יסורים רח"ל, ממילא, כאָטש מצד דרך ארץ פאַסט עס אַז דער פשוט'ער מענטש זאָל גיין

---

ענינים וואו ער איז געווען אַ רשע רח"ל וכו'. ווען אַ איד מאַכט אַ ברכה אויף די חנוכה לעכט און ער קוקט אויף זיי. ער נעמט דעמאָלס אויף זיך, 'מאי דהוי, הוי', און פון היינט און ווייטער וועט ער מער נישט זינדיגן ח"ו, איז ער זוכה מיט'ן כח פון חנוכה, אַלעס צו פאַררעכטן אין איין רגע, עכ"ל.

**נג.** אַ מורא'דיגע געשיכטע, האָבן מיר געהערט פון אַ איד וואָס איז געווען אָנוועזענד ביי דעם געהויבענעם מעמד.

דער הייליגער ריבניצער רבי זי"ע, האָט, ווי באַקאַנט, בערוב ימיו, געוואוינט אַ צייט אין דער שטאָט לאָס אַנדזשעלעס. אַמאָל חנוכה, איז געקומען צום חנוכה לעכט צינדן פון ריבניצער רבי'ן, געקומען אַ איד מיט אַ קליין קינד אויף דער האַנט. מ'האָט באַמערקט אויף איהם אַז ער איז זייער צוטראָגן. די מעשה איז געווען, אַז דאָס קינד איז געבוירן געוואָרן עטליכע חדשים פאַר די צייט, און מ'האָט איהם אַלזאָ געמוזט אַריינלייגן אין אַן 'אינקובאַטאָר'. די מעדיצינישע פּראָצעדור פאַרלאַנגט ביי אַזאַ קינד, אַריינצושיינען מיט אַ שטאַרקע ליכט אין דעם 'אינקובאַטאָר', כדי אָנצוואַרימען דאָס קינד, אָבער צוליב די געפאַר אַז עס קען בלינד מאַכן חלילה זיינע אויגן, דעקט מען צו די אויגן מיט אַ באַנדאַזש, אָבער ביי דעם פאַל, איז דער באַנדאַזש אַראָפּגעפאַלן פון זיינע אויגן, און ער איז ליידער בלינד געוואָרן אויף ביידע אויגן רח"ל.

זעהענדיג דעם איד צווישן דעם עולם, האָט דער ריבניצער רבי באַמערקט אַז דער איד איז פאַר'דאגה'ט, און ער האָט געפרעגט וואָס עס האָט פּאַסירט. האָט מען דערציילט פאַר'ן רבי'ן איבער דעם מצב פון דעם קינד. האָט דער רבי געקוקט שטאַרק אויף די חנוכה לעכט, און דערנאָך האָט ער געקוקט מיט זיינע פייערדיגע אויגן אויפ'ן קינד. דאָס האָט זיך אַזוי איבער'גע'חזר'ט עטליכע מאָל. דער רבי קוקט אויף די לעכט, און דערנאָך קוקט ער אויפ'ן קינד. צוואָנציג מינוט שפּעטער, האָט דער רבי זיך אָנגערופן: 'געלויבט איז דער אויבערשטער, דאָס קינד זעהט שוין מיט'ן רעכטן אויג'. דאַן האָט דער רבי ממשיך געווען מיט זיין הייליגע עבודה, קוקנדיג אהין און צוריק, אויף די לעכט, און דערנאָך אויף די אויגן פונעם קינד, ביז ער האָט זיך אָנגערופן: 'יעצט זעהט ער נאָך נישט מיט זיין לינקען אויג, אָבער מיט'ן באַשעפער'ס הילף, וועט ער, אם ירצה השם, זעהן מיט'ן אויג'.

דערציילט דער עד ראיה, אַז עס האָט טאַקע פּאַסירט דער גרויסער און וואונדערליכער נס: צוואָנציג יאָר שפּעטער, איז דער איד איינגעלאַדנט געוואָרן צו די חתונה פון דעם קינד, וועלכער האָט, ברוך השם, געזעהן כאחד האדם (אויך די אַנדערע אידן וואָס זענען געווען אָנוועזנד ביים חנוכה לעכט צינדן פון ריבניצער רבי'ן, זענען איינגעלאַדנט געוואָרן צו די חתונה...).

אַוודאי האָבן מיר נישט קיין שייכות מיט די געהויבענע מדריגות פון אַזאַ צדיק ווי דער ריבניצער רבי זי"ע. מ'קען אָבער לערנען דערפון וועגן די גרויסע ניסים און וואונדער צו וואָס מ'קען זוכה זיין ווען מ'קוקט אויף די חנוכה לעכט, און זייער גרויסן כח אַריינצושיינען אין אַלע 'פינצטערנישן', צו עפענען בלינדע אויגן, יעדער איינער אויף זיין אייגנאַרטיגן אופן, און אָפּטוהן יעדן סאָרט 'קרומקייט' פון אויג...

צום גרויסן קעניג - דעם מלך מלכי המלכים הקב"ה - און איהם איבערבעטן, אָבער וויבאַלד מיר זענען דאָך ליידער אין דער בחינה פון "חולים" דאַרף דער גרויסער קעניג - דער באַשעפער ברוך הוא - קומען אונז באַזוכן. און ממילא, ווערט ער נאָנט צו אונז און ראַטעוועט אונז אַרויס פון ביטערן גלות, און אין זכות פון מתתיהו כהן גדול ובניו, זאָלן מיר זוכה זעהן צו זעהן די ישועת ה', "באורך נראה אור"[נד].

---

**נד.** עס איז באַקאַנט די מעשה, דער גאון רבי עקיבא איגר זצ"ל האָט אַמאָל באַזוכט די גרויסע שטאָט וואַרשע, און ער האָט דאָרט געזוכט זיינס אַ משפחה-קרוב וואָס האָט געוואוינט אין שטאָט. כאָטש ס'איז נישט אָנגעקומען לייכט אויסצוגעפינען דאָס אָרט וואו דער קרוב האָט געוואוינט, האָט רבי עקיבא איגר זיך אינטערעסירט אַ לענגערע צייט, ביז ער איז דערגאַנגען דעם פינקטליכן אַדרעס פון זיין קרוב, און ער איז אַרויפגעגאַנגען צו איהם אין שטוב, און פאַרברענגט מיט איהם אַ שטיק צייט.

זעלבסט-פאַרשטענדליך, אַז די זאַך האָט אַרויסגערופן פאַרוואונדערונג ביי דעם גאון'ס באַגלייטער, ווייל יענער קרוב איז געווען אַ פשוט'ער שוסטער, און פאַרוואָס האָט ער זיך אַזוי באַמיט איהם אויפצוזוכן כדי צו רעדן מיט איהם וועגן מילי דעלמא. האָט רבי עקיבא איגר זיי געגבן צו פאַרשטיין די סיבה דערפאַר, ווי פאָלגענד: מיר געפינען ביי די מצוה פון השבת אבידה (דברים כב, א) אַז כאָטש מ'טאָר זיך נישט פאַרהוילן ווען מ'זעט אַן אָקס אָדער אַ לעמעלע ווי עס איז פאַרלוירן געוואָרן, זאָגן די חז"ל (ב"מ ל.) "והתעלמת - פעמים שאתה מתעלם", אין געוויסע פעלער, מעגסטו זיך יאָ פאַרהוילן פון דיין ברודער'ס אבידה, צום ביישפיל, אויב ער איז אַ זקן, און עס פאַסט נישט פאַר זיין כבוד אַז ער זאָל זיך אָפּגעבן מיט די השבת אבידה פון אַ צווייטן. האָט רבי עקיבא איגר געזאָגט, דאָס איז גאַנץ רעכט דאָרט וואו דער פסוק זאָגט אַז מ'מעג זיך פאַרהוילן, אָבער ביי קרובים, זאָגט דער נביא (ישעיה נח, ז) "ומבשרך לא תתעלם", דו זאָלסט זיך נישט פאַרהוילן און מאַכן נישט-וויסנדיג פון דיין פאַמיליע-קרוב, און מיר געפינען נישט אַ וועג פון אַ היתר מקיל צו זיין אין דעם ענין. ממילא קומט אויס, אַז פון אַ קרוב, טאָר אויך אַ "זקן ואינו לפי כבודו" זיך נישט פאַרהוילן, און וועגן דעם, בין איך געווען מחויב מצד הדין, אויפצוזוכן מיין קרוב אין וואַרשע...

לויט דעם טייטשן די ספרים די ווערטער אין פייט "ידיד נפש", מיר בעטן ביי דעם אויבערשטען, "ותיק יהמו נא רחמיך, וחוסה נא על בן אהובך" וכו', "וחוסה נא ואל תתעלם, הגלה נא ופרוס חביבי עלי את סוכת שלומך" (אַז מיר זאָלן שוין זוכה זיין צו די גאולה שלימה במהרה). איי, וועסטו פרעגן, די אידן האָבן דאָך געזינדיגט און עס איז נישט "לפי כבודו" פונעם באַשעפער ברוך הוא אויסצולייזן די אידן פון גלות, אויף דעם זאָגן מיר, "וחוסה נא, ואל תתעלם", וויבאַלד מיר ווערן אָנגערופן קינדער פונעם אויבערשטען, האָט דער אויבערשטער אַ חיוב פון "מבשרך לא תתעלם", און דאָס דאַרף ער מקיים זיין אפי' ווען עס איז "אינו לפי כבודו". דעריבער בעטן מיר: "תאיר ארץ מכבודך, נגילה ונשמחה בך", ווייל מיר קענען שוין נישט אויסהאַלטן דעם שווערן עול פון שיעבוד אין גלות. "מהר אהוב כי בא מועד, וחננו כימי עולם".

מ'דערציילט, אַז אַ איד האָט זיך געזעגנט מיט'ן "חפץ חיים" זצ"ל, זאָגנדיג אַז ער פאָרט אַרויס אויפ'ן וועג און אַז ער האָפט דורכצופאָרן די שטאָט בריסק, און אַריינגיין דאָרט צום מרא דאתרא, דעם גאון רבי חיים בריסקער זצ"ל. האָט דער "חפץ חיים" געבעטן דעם איד, ער זאָל איבערגעבן אַ גרוס פאַר'ן גאון רבי חיים בריסקער. דער איד האָט אַזוי געטוהן. צו זיין וואונדער, האָט רבי חיים איהם צוריקגעשיקט אַ גרוס, און ער האָט צוגעגעבן, אַז ער זאָל איבערגעבן פאַר'ן "חפץ חיים" די פאָלגענדע דריי זאַכן:

א. אַ גרוס פאַר די מענטשן פון ראַדין וואָס פאַרמאָגן נישט קיין הייזער.

ב. ער זאָל זאָגן פאַר דעם "חפץ חיים", אַז ער וויל איהם שוין זעהן באָרוועס...

ג. ער (דער "חפץ חיים") זאָל טראָגן שטיינער אויפ'ן האַרץ...

דער איד האָט זיך געזעגנט, און איז געפאָרן ווייטער אין וועג. ווען ער איז שפּעטער צוריקגעקומען אַהיים קיין ראַדין, האָט ער זיך געשעמט איבערצוגעבן פאַר'ן "חפץ חיים" די שליחות פון רבי חיים בריסקער. דער "חפץ חיים" האָט איהם אָבער געפרעגט וואָס דער בריסקער רב האָט געזאָגט, און נאָך דעם ווי דער "חפץ חיים" האָט געדרוקט אויף איהם ער זאָל איהם זאָגן וואָס רבי חיים האָט געזאָגט, האָט דער איד איבערגעגעבן די דריי זאַכן וואָס רבי חיים האָט געזאָגט (כאָטש ער האָט נישט פאַרשטאַנען דעם באַדייט פון די ווערטער).

### קבעום בהלל והודאה - חנוכה איז באַשטומט צו לויבן און דאַנקען דעם אויבערשטן

'לשנה אחרת קבעום ועשאום ימים טובים בהלל והודאה' (שבת כא:)[נה].

**זאָגט** דער 'שפת אמת' (חנוכה, ליקוטים, ד"ה 'קבעום'), אַז חז"ל זאָגן נישט קבעום 'להלל ולהודאה', נאָר 'בהלל והודאה', ווייל דער יום טוב אַליין ווערט באַשטימט דורך הלל און הודאה. נאָר אַזוי איז מען מעורר די ניסים וואָס זענען דעמאָלס פאָרגעקומען, אַז מ'זאָל נאָך אַמאָל זוכה זיין דערצו בזמן הזה, יעדן יאָר פונדאָסנייס[נו].

**דער** חיוב צו זאָגן הלל אין יום טוב חנוכה, איז 'מדברי קבלה', פון די נביאים, ווי די גמרא זאָגט (פסחים

---

הערנדיג די דריי זאַכן וואָס רבי חיים בריסקער האָט באַפוילן איבערצוגעבן פאַר איהם, האָט דער "חפץ חיים" ממש ווי אויפגעלויכטן, און געזאָגט מיט זיין גרויס ענוות:

- הלוואי זאָל איך זוכה זיין צו זיין אַפילו אַ 'כהן הדיוט'...

זעהענדיג אַז דער שליח פאַרשטייט נישט די כוונה פון זיינע ווערטער, האָט דער "חפץ חיים" איהם געזאָגט, אַז ערשטנס, דאָס וואָס רבי חיים בריסקער האָט געשיקט אַ גרוס פאַר "די מענטשן פון ראַדין וואָס פאַרמאָגן נישט קיין הייזער", האָט ער געמיינט צו זאָגן, פאַר די ערליכע אידן, די יראי שמים, וואָס וואוינען אין שטאָט, וואָס זיי "פאַרמאָגן" נישט אַ "הויז", ווי מיר זאָגן אין תהלים (קלה, יט-כ) "בית ישראל ברכו את ה', בית אהרן ברכו את ה', בית הלוי ברכו את ה'", אָבער ביי "יראי ה'", שטייט נישט "בית יראי ה'", נאָר סתם "יראי ה' ברכו את ה'"... ווייל די ערליכע אידן פאַרמאָגן נישט אַ הויז...

די צווייטע זאַך וואָס רבי חיים האָט געוואונטשן אַז ער וויל זעהן איהם - דעם "חפץ חיים" - באַרוועס, האָט דער "חפץ חיים" אויפגעקלערט, אַז די כוונה דערפון איז, אַז דער בית המקדש זאָל אויפגעבויט ווערן במהרה בימינו, און דער "חפץ חיים" (וועלכער איז געווען אַ כהן) זאָל זוכה זיין זיין צו טוהן די עבודה אין בית המקדש אַלס אַ כהן, וואָס די כהנים טראָגן נישט זייערע שיך בשעת די עבודה... און די דריטע ברכה, אַז ער זאָל טראָגן שטיינער אויף זיין האַרץ, איז די כוונה פון רבי חיים'ס ווינטש געווען, אז ער זאָל זוכה זיין צו זיין דער כהן גדול און טראָגן די שטיינער פון חושן אויף זיין האַרץ (און אויף דעם האָט דער "חפץ חיים" געזאָגט מיט זיין ענוות, אַז הלוואי זאָל ער זוכה זיין צו טוהן די עבודה אין בית המקדש, כאָטש אַלס אַ 'כהן הדיוט'...).

**נה.** דער גערער רבי, הרה"ק בעל 'אמרי אמת' זי"ע, האָט געזאָגט אויפ'ן פסוק (תהלים קו, מז) 'להשתבח בתהלתך'. דוד המלך ע"ה זאָגט נישט 'לשבח' - צו לויבן - 'בתהלתך', נאָר 'להשתבח', ווייל דער מענטש וואָס לויבט דעם אויבערשטען איז אַליין געלויבט, און ער ווערט נאָך מער געלויבט. קומט אויס, אַז ער איז באמת 'משתבח' בתהלתך - ווען ער דאַנקט און לויבט דעם אויבערשטען.

**נו.** דער 'בני יששכר' (כסלו-טבת, מאמר ד, אות קלט) ברענגט אין נאָמען פון זיינע הייליגע רבי'ס, אויף דעם פסוק (תהלים יח, ד) 'מהולל אקרא ה' ומן אויבי אושע'. אַ קלוגער מענטש בעט נישט דעם אויבערשטען אויף אַ וועג פון בקשה, נאָר בדרך שבח - ער לויבט דעם אויבערשטען מיט אַ געוויסן לויב. צום ביישפיל, אויב עמיצער אין זיין הויז איז נישט געזונט ל"ע, זאָל ער נישט בעטן אויף די רפואה, נאָר ער זאָל דאַנקען און לויבן דעם אויבערשטען, וואָס ער איז דער 'רופא חולים', ער היילט אויס אַלע קראַנקע, און אַזוי וועט זיין בקשה ערפילט ווערן.

דאָס איז די כוונה פון פסוק: מהולל אקרא ה', איך וועל רופן צו דעם אויבערשטען אויף אַן אופן פון איהם לויבן, און נישט אויף אַ וועג פון בקשה. אַזוי וועט באַלד קומען מיין ישועה - 'ומן אויבי אושע'.

לויט דעם, טייטשט דער 'בני יששכר', דעם פסוק (תהלים קיח, כא) 'אודך כי עניתני ותהי לי לישועה'. איך וועל דיר דאַנקען, באַשעפער, ווען איך בין נאָך אין דער בחינה פון 'עניתני' (אין אָרימקייט), און תיכף וועט מקוים ווערן, 'ותהי לי לישועה' - אויך אָן די בקשה.

די סיבה דערפאַר איז, ווייל דער מענטש וואָס איז מתפלל און בעט אַז דער אויבערשטער זאָל טוהן מיט איהם אַ נס, קוקט מען איהם נאָך, אויב ער איז ראוי צו די ישועה. ממילא, איז מעגליך, אַז זיין בקשה זאָל חלילה נישט געענטפערט ווערן, אָבער ווען ער לויבט דעם אויבערשטען, קען מען דאָך נישט צוריקהאַלטן זיין פאַרלאַנג, ווייל ווען ער לויבט דעם באַשעפער, קען קיינער נישט מקטרג זיין דערויף, ווייל אין הימל וויל מען דאָך הערן די לויב פון דעם אויבערשטען. ממילא, דער מענטש וואָס האָט שכל, איז מתפלל צו דעם אויבערשטען אויף אַן אופן פון

קיז.) 'הלל זה מי אמרו, נביאים שביניהם תיקנו להם לישראל שיהיו אומרין אותו על כל פרק ופרק, ועל כל צרה וצרה שלא תבוא עליהן'. די נביאים האָבן מתקן געווען, מ'זאָל זאָגן הלל יעדעס מאָל ווען מ'ווערט אָפּגעהיטן פון אַ צרה. און ווען מ'ווערט אויסגעלייזט, זאָגט מען עס אויף די אויסלייזונג.

**עס** זענען דאָ ראשונים וואָס האַלטן, אַז חנוכה איז אַ חיוב מן התורה צו זאָגן הלל. אַזוי שרייבט דער גאון רבי ירוחם פישל פערלא זצ"ל, אין זיין פירוש אויפ'ן 'ספר המצוות' פון רבי סעדיה גאון (מ"ע נ-ס, ע' רנה, ד"ה 'וראיתי'), אַז צו זאָגן הלל איז מדאורייתא, און וועגן דעם דאַרף יעדער איינער זיך 'אונטערגאַרטלען', מקיים צו זיין די מצוה מיט אַ פרייליך האַרץ[נז].

**און** כאָטש מ'זאָגט הלל אַכט טעג ברציפות, זאָל מען עס זאָגן יעדן טאָג מיט אַ התחדשות און התלהבות, ווי עס פאַסט פאַר אַ מענטש וואָס שטייט און לויבט דעם באַשעפער פאַר זיינע וואונדערליכע ניסים.

די חשיבות פון זאָגן הלל אין חנוכה, קען מען זעהן פון דעם וואָס דער גאון רבי שלמה קלוגער זצ"ל שרייבט להלכה (הגהות 'חכמת שלמה', או"ח סי' תרפג), איבער אַ שאלה פון אַ איד וואָס איז חנוכה געווען איינגעשפּאַרט אין תפיסה און מ'האָט איהם געגעבן די ברירה מקיים צו זיין נאָר איין מצוה, צינדן חנוכה-לעכט, אָדער דאַווענען שחרית און זאָגן הלל והודאה בציבור - איז די שאלה געווען, וועלכעס פון די צוויי זאַכן איז וויכטיגער.

**אַ** צווייטע שאלה האָט מען איהם אָנגעפרעגט, איינער וואָס גייט אין וועג אין צייט פון צינדן חנוכה לעכט, און ער איז אָנגעקומען אויף אַן אָרט וואו עס זענען דאָ לעכט צו צינדן, אָבער אויב ער וועט זיך דאָרט אויפהאַלטן צו צינדן, וועט ער צומאָרגנס אינדערפרי נישט קענען אָנקומען צום אָרט וואו מ'דאַווענט.

**און** רבי שלמה קלוגער פירט אויס, אַז תפילה 'בציבור' מיט הלל והודאה, איז וויכטיגער, ווייל דער יום טוב חנוכה איז בעיקר געשטעלט געוואָרן אויף הלל און הודאה[נח].

---

הודאה, און אַזאַ תפילה גייט אַרויף גאָר הויך. עס איז נישט דאָ אַ מחיצה וואָס זאָל פאַרשטעלן דעם וועג פאַר אַזאַ תפילה אָנגענומען צו ווערן.

מיר האָבן שוין נאָכגעזאָגט, ווען אַ מענטש לויבט כסדר דעם אויבערשטען, איז ער ממשיך אויף זיך נאָך ניסים ונפלאות, און זיין תפילה ווערט געהערט אין הימל.

דאָס איז די מעלה פון דעם טאָג פון 'זאת חנוכה', ווען מ'קען אויס'פועל'ן ישועות אָן אַ גרעניץ, ווייל נאָך דעם ווי מ'האָט געלויבט און געדאַנקט דעם אויבערשטען זיבן טעג, איז לייכט צו פועל'ן ישועות מיט די תפילה...

**נז.** דער טשעבינער רב זצ"ל, האָט איינמאָל חנוכה אינדערפרי פאַר'ן דאַווענען, געזאָגט צום אָנוועזנדן עולם אין שול, אַז מ'דאַרף אין זינען האָבן ביים זאָגן הלל אין חנוכה, מער ווי ראש חודש, צו זאָגן הלל מיט אַ נעימות און מיט אַ פרייליך האַרץ, ווייל חנוכה איז דאָך אַ חיוב מדברי קבלה צו זאָגן הלל, אָבער ראש חודש איז נאָר אַ חיוב מדרבנן, אַלס 'מנהג אבותינו בידינו' (תענית כח:). אין מסכת סופרים (פ"כ ה"ט) וואָס איז דער מקור פון דעם דין צו זאָגן הלל אין חנוכה, ווערט געברענגט, אַז מ'דאַרף זאָגן הלל 'בנעימה'. איז משמע, אַז דער עיקר תקנה פון הלל איז צו זאָגן עס מיט געזאַנג.

אַמאָל חנוכה, איז געברענגט געוואָרן קיין צאַנז אַ 'דיבוק' רח"ל, צום הייליגן 'דברי חיים' זי"ע. דער צאַנזער רב האָט באַפוילן אַריינצוברענגען דעם 'דיבוק' אין שול ווען מ'וועט זאָגן הלל ביי שחרית. תיכף ווען מ'האָט אַריינגעברענגט דעם 'דיבוק' אין בית המדרש, איז ער אַרויסגעפלויגן דורכ'ן פענצטער.

כאָטש 'אין לנו עסק בנסתרות', קענען מיר אָבער אַרויסלערנען פון די מעשה, אַז מיט'ן זאָגן הלל ווי געהעריג, קען מען אויסוואַשן די נשמה און עס אָפּרייניגן פון אַלע פּגמים, וואָס זענען אַזוי ווי 'דיבוקים' רח"ל, אמן, כן יהי רצון.

**נח.** מיר געפינען נישט אַ תקנה פון חז"ל צו דערמאנען דעם ענין פון חנוכה, אין די ברכה 'מעין שלש'. עס קען זיין א רמז, אַז מ'קען נישט לויבן דעם אויבערשטען 'בקיצור', אָדער נאָר 'מעין', אַזוי ווי 'מעין שלש' (וואָס איז נאָר אַ קיצור, און 'מעין' פון ברכת המזון), נאָר מ'דאַרף אַסאַך דאַנקען און לויבן דעם באַשעפער ברוך הוא.

עס איז באַקאַנט, אַז דער הרה"ק מהר"א מבעלזא זי"ע האָט זיך געפירט, אַז ווען ער האָט עמיצן געוואָלט דאַנקען פאַר אַ טובה וואָס ער האָט מיט איהם געטוהן, איז ער איהם נאָכגעגאַנגען כדי איהם אַליין צו דאַנקען.

**אַזוי** שרייבט אויך דער רמב"ם (הל' חנוכה, פ"ג ה"ג) אַז צוליב דעם האָבן די חכמים פון יענעם דור מתקן געווען אַז די אַכט טעג וואָס פאַנגען זיך אָן אין דער נאַכט פון פינף און צוואָנציגסטן טאָג פון חודש כסלו, זאָלן זיין טעג פון שמחה והלל. לויט דעם, שרייבט דער 'טורי זהב' (סי' עת"ר סק"ד) אַז ס'איז דאָ אַ מצוה זיך צו פרייען אין חנוכה.

**אַזוי** שרייבט אויך דער 'סדר היום', אַז אין די טעג פון חנוכה טאָר מען נישט זיין טרויעריג[נט], נאָר מ'דאַרף אַרויסווייזן פרייליכע געפילן, פאַר אַלע טובות וואָס דער אויבערשטער האָט מיט אונז געטוהן אין די טעג.

### מאי חנוכה דתנו רבנן - אויסנוצן די צייט וועלכע זענען מסוגל פאַר לימוד התורה

**דער** של"ה הקדוש (חלק עשרת הדברות, מסכת תמיד אות קנב), שרייבט וועגן דעם יום טוב חנוכה, אַז מ'דאַרף געדענקען אַז דער עיקר טעם פאַרוואָס מ'האָט קובע געווען דעם יום טוב חנוכה איז געווען צו לויבן און דאַנקען דעם אויבערשטען ברוך הוא, ווייל די יוונים האָבן דאָך געוואָלט מבטל זיין פון די אידן קיום התורה והמצוות. ממילא, זענען די הייליגע טעג פון חנוכה[ס], ראוי פאַר התמדת התורה, מער ווי די אַנדערע טעג פון יאָר[סא], 'ותלמוד תורה כנגד כולם' (פאה פ"א, מ"א), בפרט תורה שבעל פה.

---

ווען די מקורבים האָבן געפרעגט דעם הייליגן בעלזער רב זי"ע, דער רבי שיקט דאָך שליחים פאַר אַסאַך זאַכן, קען ער דאָך אויף איהם אויך ממנה זיין אַ שליח, עס זאָל נישט אָנקומען אַזוי שווער (צו דאַנקען פערזענליך דעם וואָס האָט געטוהן די טובה). האָט דער בעלזער רב געענטפערט, מיר געפינען אַז אויך ביי חזרת הש"ץ, זאָגט מען 'מודים דרבנן', ווייל זיך באַדאַנקען פאַר אַ טובה, דאַרף דער מענטש אַליין. מ'איז נישט יוצא דעם חיוב דורך באַשטימען שליחים (זעה 'אליהו רבה', סי' קכז, סק"א).

אַזוי טייטשן די ספרים אויך דעם מנהג ישראל, אַז יעדער איינער פון די בני בית צינדט אַליין חנוכה לעכט, אַזוי ווי די שיטה פון 'המהדרין מן המהדרין', כאָטש מעיקר הדין איז גענוג 'נר איש וביתו'.

לכאורה דאַרף מען פאַרשטיין, מיט וואָס איז נר חנוכה אַנדערש פון אַנדערע מצוות, וואו איין מענטש קען מוציא זיין אַנדערע מענטשן מיט'ן חיוב פון די מצוה. איז דער תירוץ, ווייל מ'צינדט דאָך די לעכט 'כדי להודות ולהלל לשמך הגדול', אַזוי ווי דער רמב"ם ז"ל שרייבט (הלכות חנוכה פ"ג, ה"ג) אַז מ'צינדט די חנוכה לעכט ביי די טיר, 'להראות ולגלות הנס'. ממילא, איז עס אַ חיוב אויף יעדן איינעם, און עס איז נישט גענוג יוצא צו זיין מיט די הודאה פונעם בעל הבית אַליין...

עס ווערט גע'פסק'ענט אין שולחן ערוך (או"ח סי' תרע"ג ס"א, ובהג"ה) אַז אַלע אוילן זענען כשר צו צינדן דערמיט חנוכה לעכט, אָבער שמן זית איז אַ 'מצוה מן המובחר'.

קען מען זאָגן אַ רמז דערין, לויט ווי עס שטייט אין ספה"ק 'ייטב לב', אויף די ווערטער וואָס מיר זאָגן (תפילת נשמת) ש'כן ח'ובת כ'ל ה'יצורים, ראשי תיבות שכח"ה. עס איז דער שטייגער פון מענטשן צו פאַרגעסן פון דעם חיוב להודות ולהלל... צוליב דעם צינדן מיר חנוכה לעכט מיט שמן זית, וואָס איז מסוגל צו אַ גוטן זכרון [ווי די גמרא זאָגט (הוריות יג:)], און פאַרמיידן די שכחה וועגן דעם 'חובת כל היצורים' צו דאַנקען און לויבן דעם באַשעפער...

**נט.** עס ווערט געברענגט אין ספר 'תולדות הצדיק רבי יוסף זונדל מסלנט' (ע' טז) אַז רבי זונדל סאַלאַנט זצ"ל האָט אַמאָל חנוכה געשמועסט מיט אַנדערע אידן, און איינער האָט דערמאנט אַן ענין פון צער. האָט רבי זונדל געזאָגט, 'הס כי אין להזכיר דבר של צער בימים אלו' - מ'טאָר נישט דערמאנען חלילה אַ זאַך וואָס איז גורם צער אין די יעצטיגע טעג, ווייל חז"ל האָבן שוין גע'אסר'ט צו זאָגן אַ 'הספד' אין די טעג פון חנוכה.

**ס.** מ'דאַרף אויסנוצן די גאָלדענע צייטן פון יום טוב חנוכה, צו שטייגן ברוחניות.

דער הייליגער באַרדיטשוב'ער רב זי"ע, איז אַמאָל געגאַנגען מיט'ן הייליגן בעל התניא זי"ע, זאַמלען געלט פאַר פדיון שבויים. זיי האָבן נישט איבערגעהיפט אַפילו איין אידיש הויז אין שטאָט. זיי האָבן געבעטן געלט אויך ביי די אָרימעלייט.

איינמאָל זענען זיי אַריינגעקומען אין הויז פון אַ בלוטיגן אָרימאַן, וואָס האָט געוואוינט אין אַ קליין הייזקעלע וואָס האָט געהאַלטן ביים איינפאַלן, און געבעטן פון איהם אַ נדבה. האָט דער אָרימאַן זיי געזאָגט, 'צי זעהט איר דען נישט מיין אָרימען מצב, וואָס איז בעט פון מיר אַ נדבה?'.

**עס** שטייט אין ספה"ק 'קדושת לוי' (דרושים לחנוכה), אַז וויבאַלד דער עיקר פונעם נס איז געווען נאָר ווייל מ'האָט געוואָלט אַראָפּפירן אידישע קינדער פון די הייליגע תורה, און דער אויבערשטער מיט זיין גרויס רחמנות, האָט אונז געראַטעוועט פון די גזירה. ממילא, איז ראוי פאַר יעדן איינעם וואָס באַטראַכט זיך אַלס אַ איד, צו לערנען תורה בהתמדה, ווייל די יעצטיגע טעג זענען ראוי דערצו. דאָס מיינט, אַז יעדן חנוכה

---

האָט דער באַרדיטשוב'ער רב איהם געפרעגט, וואס ער טוט פאר פרנסה. האָט דער אָרימאַן געענטפערט, אַז ער קלייבט צוזאַמען פון די מיסטן, געניצטע קליידער פון רייכע מענטשן, וואָס וואַרפן אַריין די בגדים אין מיסט. ער נעמט עס צוזאַמען, און מאַכט דערפון שמאַטעס פאַר קליידער, א.ד.ג. דערנאָך פאַרקויפט ער עס פאַר געציילטע פרוטות, וואָס זענען קוים גענוג צו קענען דערהאַלטן זיך ביים חיות. ממילא, פון וואו קען ער זיי געבן געלט פאַר זייער צוועק פון פדיון שבויים, אויב 'לרש אין כל', נאָר דאָס שטיקל אָרימע ברויט וואָס ער עסט.

האָט דער באַרדיטשוב'ער רב איהם געבעטן ער זאָל איהם געבן כאָטש איין שמאַטע, און דער אָרימאַן האָט אַוודאי אַזוי געטוהן. דאַן האָט אויך דער בעל התניא געבעטן אַ שמאַטע, אויף וואָס דער אָרימאַן האָט זיך זייער געוואונדערט. דער בעל התניא האָט אָבער גערעדט מיט איהם וועגן די גרויסע מצוה פון פדיון שבויים, וואָס דער רמב"ם ז"ל שרייבט אַז עס איז נישט דאָ אַ מצוה אַזוי ווי פדיון שבוים, און דער אָרימאַן האָט דערלאַנגט פאַר'ן בעל התניא אַ שמאַטע. דאַן האָט דער באַרדיטשוב'ער רב געבעטן פון איהם אַ שמאַטע, און נאָך אַ שמאַטע, ביז זיי האָבן ביי איהם צוגענומען זיין גאַנצן 'פאַרמעגן'.

דערנאָך האָבן זיי איהם געזאָגט: וויסן זאָלט איר, אַז פון הימל האָט מען פאַר אייך באַשטימט אַ גרויס רייכטום. נאָר ביז יעצט, האָט מען אייך אָבער נישט געקענט געבן די שפע, וויבאַלד איר האָט זיך באַשעפטיגט מיט 'שמאַטעס', וואָס האָט אויפגעברענגט אין הימל דעם חשש אַז איר וועט זיך אַזוי פירן אויך מיט אַלע אוצרות פון גאָלד און זילבער, וואָס זענען אָנגעגרייט פאַר אייך, אָבער יעצט, ווען מיר האָבן ביי אייך אָוועקגענומען אַלע לאַטעס און שמאַטעס, וועט איר קענען זוכה זיין צו די גאַנצע שפע. איר זאָלט אָבער זעהן זיך צו פירן דערמיט ווי עס פאַסט'...

לעניינינו, קען מען זאָגן, 'כי חג ה' לנו'. אין יום טוב חנוכה, וואַרטן אויף אונז ענדלאָזע אוצרות פון דיאַמאַנטן און טייערע שטיינער, אָבער מיר זענען פאַרנומען מיט 'שמאַטעס'... דער אויבערשטער קוקט אַרויס און ער האָפט אַז מיר זאָלן אויפהערן אָפּצוגעבן זיך מיט נאַרישקייטן, כדי ער זאָל קענען משפיע זיין אויף אונז ברכות עד בלי די'.

אַ חכם האָט אַמאָל געזאָגט, ס'איז באַקאַנט די קשיא פונעם 'בית יוסף' (סי' עת"ר), ביי חנוכה, און די הונדערטער תירוצים אין ספרים, אויף די קשיא. איך האָב אָבער אַ קשיא, וואָס איז פיל שטאַרקער... ווי אַזוי קען מען פאַרברענגען די צייט, אין אַזעלכע געהויבענע טעג... באמת, זענען אָבער ראוי אויף די קשיא, פאַרהאַן מער תירוצים ווי אויף די קשיא פונעם 'בית יוסף'...

**סא.** ספּעציעל ווען מ'צינדט חנוכה לעכט, ווי דער פסוק זאָגט (משלי ו, כג) 'כי נר מצוה ותורה אור', ווי הרה"ק בעל 'חידושי הרי"ם' זי"ע האָט געזאָגט (געברענגט אין ספר 'שיר שרפי קודש', ח"ב, און אויך אין ספר 'ליקוטי הרי"מ', לחנוכה), אַז נאָך דעם ווי מ'צינדט חנוכה לעכט, איז כדאי צו לערנען תורה, ווייל מיט'ן כח פון תורה קען מען משיג זיין די שלימות פונעם אור פון די לעכט.

דער קאָזשניצער מגיד זי"ע האָט אַמאָל געפרעגט אַ איד וואָס האָט געדאַווענט מיט כוונה, אויב ער האָט אַמאָל פּרובירט, נאָכ'ן זאָגן די ברכה פון 'אתה חונן', לערנען אַ לימוד וואָס ער האָט ביז דעמאָלס שווער פאַרשטאַנען.

עס ווערט געברענגט אַ שיינע מליצה, אויף די ווערטער פון דער גמרא (שבת כג:) 'הרגיל בנר הוויין ליה בנים תלמידי חכמים'. עס איז באַקאַנט, אַז אויך דער אויבערשטער כביכול איז מקיים די מצוות, ווי די ספרים הקדושים זאָגן ('קדושת לוי', דרושים לחנוכה, ועוד) אַז אויך דער אויבערשטער 'צינדט לעכט'. מיר אַלע, זענען דאָך דעם אויבערשטען'ס קינדער. ממילא, איז די מצוה מסוגל אַז מיר זאָלן זיין תלמידי חכמים, וויבאַלד דער אויבערשטער איז דאָך זיכער 'רגיל בנר'...

אגב, דער געררער רבי, הרה"ק בעל 'פני מנחם' זי"ע, האָט געזאָגט בדרך צחות, 'הרגיל בנר', איז מרמז אויף איינעם וואָס לערנט אין די לאַנגע נעכט פון חודש טבת, ווען ס'איז טונקל אין די נאַכט-שעה'ן. דאַן דאַרף דער וואָס לערנט, אָנצינדן אַ לעכט, ער זאָל קענען לערנען, און אין דעם שכר איז ער זוכה צו קינדער תלמידי חכמים.

הייבט אָן שיינען אויף אונזערע נשמות דעם אויבערשטען'ס הארה פון זיין הייליגע תורה, עכ"ל[סב].

**דער** 'מאור עינים' (מקץ, ד"ה 'ויהי מקץ') שרייבט, אַז דער אויבערשטער האָט אונז געגעבן די מצוה פון צינדן חנוכה לעכט, ווייל ביי יעדע אַנדערע מצוה, ווען עס קומט דער זמן פון די מצוה, ווערט נתעורר די זאַך וואָס האָט פאַסירט אין צייט פון די מצוה... חנוכה איז אַ צייט ווען דער מענטש קען ווערן נענטער צו דעם אויבערשטען דורך לימוד התורה, וויבאַלד די יוונים האָבן מטמא געווען אַלע אוילן, וואָס זענען מרמז אויף חכמה, און ס'איז איבערגעבליבן נאָר איין קריגל אויל, וואָס איז מרמז אויף תורה.

**אויך** שרייבט הרה"ק בעל 'חידושי הרי"ם' זי"ע ('ליקוטי הרי"ם', חנוכה) אַז אין די חנוכה טעג גיט מען אונז אַ כח פון זכרון אין תורה, דורך דעם וואָס די יוונים האָבן געוואָלט מאַכן פאַרגעסן פון אידן די הייליגע תורה, איז מקוים געוואָרן 'נקמת את נקמתם', און די אידן האָבן באַקומען אַ זכרון צו געדענקען די תורה וואָס זיי לערנען.

**מיר** האָפען און זענען מתפלל, הרחמן הוא יעשה לנו ניסים כמו שעשה לאבותינו בימים ההם בזמן הזה, און אין זכות פון מתתיהו כהן גדול ובניו, זאָל דער אויבערשטער מיט אונז באַווייזן וואונדער, באורך נראה אור. אור חדש על ציון תאיר, ונזכה כולנו יחד במהרה לאורו, אמן כן יהי רצון.

---

**סב.** אַ ראיה דערצו ברענגט דער 'קדושת לוי' (קדושה חמישית), ווייל עס איז דאָך נישט דאָ נאָך אַ וואכן-טאָג ווען מ'נעמט אַרויס צוויי ספרי תורה צו לייענען, אויסער ראש חודש טבת, וואָס אין איין ספר תורה לייענט מען די פרשה פון ראש חודש, און אין די צווייטע ספר תורה לייענט מען די פרשה פון די נשיאים פון חנוכה. דאָס איז דערפאַר, ווייל חז"ל האָבן אונז געוואָלט לערנען, אַז די ליבשאַפט פון חנוכה איז געווען דורך תורה, און פון דעם קען מען פאַרשטיין ווי ווייט מ'דאַרף אין יום טוב חנוכה, זיך שטאַרקן אין לימוד התורה.